STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04077

DER EMES FUN

Israel H. Miller

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אמת
פון ------------
אמעריקאנער רבנות פעלד

פינף דרשות פארן בעסערען אידישען לעזער
(ערשטע סעריע)

פון הרב ישראל מילער

DER EMES FUN AMERIKANER RABONES FELD

(The Truth About The American Rabbinic Field)

by RABBI ISRAEL MILLER

Chicago, Illinois, 1940

●

Price 25 cents — פרייז 25 סענט

Copyright, 1940
By
RABBI ISRAEL H. MILLER
3101 Douglas Boulevard
Chicago, Illinois

Printed in U. S. A.

אינהאלט

זייט

1. דער אמת פון אמעריקאנער רבנות פעלד — — — — —5
2. רבי, זאָגט כשר אָדער שטאַרבט פון הונגער — — — — 16
3. דער'הרג'עט דעם רבונו של עולם — — — — — — 21
4. איוב און די כלבים — — — — — — — — — 27
5. סטריעמליינד רשעים — — — — — — — — 34

דער אמת פון אַמעריקאַנער רבנות פעלד

„אַ תורה וואָס האָט ניט קיין טאַטענ'ס היים איז ניט קיין תורה" — כל תורה שאין לה בית אב אינה תורה

(ירושלמי שבת פי"ט, ה"ו).

דער חילוק צווישען אַ בעל־הבית און אַ טאַטע איז אַ פשוט'ער. דער בעל־הבית אויב זיין אַרבייטער געפעלט איהם ניֹשט, נעהמט ער אַ צווייטען; אויב זיין געשעפט פאַרדינט נישט גענוג אויף אַנצוהאַלטען זיין אַרבייטער, ענטזאָגט ער איהם. וואָס זיין אַרבייטער וועט טהאָן, און ווי אַזוי ער וועט מפרנס זיין זיין פאַמיליע אין אַ שלעכטע צייט, קימערט נישט דעם בעל־הבית. דער אָנגעשטעלטער איז שטענדיג דער ערשטער קרבן אין יעדען עקאָנאָמישען קריזיס, ווייל ער איז דאָך אַ פרעמדער אין דער משפחה פון זיין ברויט געבער.

דער טאַטע, ווידער, טהוט נישט אַזוי. ווען זיין זוהן געפעלט איהם נישט, טרייבט ער איהם נישט אַרויס פון הויז; ווען דאָס געשעפט טראָגט נישט, ענטזאָגט ער איהם ניט. מען טיילט זיך מיטן לעצטען ביסען, צוזאַמען האָפענדיג אויף בעסערע צייטען. אַ זוהן האָט דאָך עפּעס אַ גרויסען צד אין האַרץ פון דער משפחה.

מיט תורה איז די זעלבע זאַך. זי דאַרף האָבען אַ היים, אַ טאַטען. נאָר דאַן ווען מען באַהאַנדעלט איהר ווי אַ טאַטע באַהאַנדעלט זיין זוהן, קען זי האָבען אַ תקומה ביי אידען. אויב דער איד וועט וועלען זיין בלויז אַ בעל־הבית איבער די תורה, וועט די תורה זיך נישט קענען איינבירגערן און שלאָגען טיעפע וואָרצלען אין אידישען לעבען. אויב אַ איד וועט צוליעב כבוד, פּאָליטיק אָדער שלעכטע געשעפטען זיך אָפּזאָגען צו שטיצען אַ שוהל אָדער אַ ישיבה, וועט די תורה אויסגעהן פון הונגער, און וועט פאַרשוואונדען ווערען פון אידישען לעבען. דער איד מוז מיט פאָטערליכע ליעבע זאָרגען און פאַרזאָרגען זיין תורה אַזוי ווי ער זאָרגט פאַר זיין זוהן, כדי די תורה זאָל קענען עקזיסטירען און אינספירירען דאָס לעבען פון פאָלק.

דאָס איז מיין דרשנ׳ישער פשט פון דעם אויבענדערמאָנטען מאמר אין ירושלמי:

„כל תורה שאין לה בית־אב, אינה תורה״. — פשוט: די תורה דאַרף אַ טאַטען.

דאָס זעלבע איז אמת בנוגע די לאַגע פון רבנים און רבנות אין אונזער לאַנד. די רבנים, די טרעגער און אויסטייטשער פון דער תורה זיינען די פעריאָדע פון די לעצטע נביאים, זיינען אונטערן דרוק פון די נייע צייט און פון געענדערטע אומשטענדען רעדוצירט געוואָרען צו אַ שוואַכע פּאָזיציע אין אידישען לעבען.

דאָס פּראָבלעם פון דעם היינטיגען מורה־הוראה בישראל איז זעהר שאַרף, און פאָדערט אַ שנעלע לעזונג. דער צער וואָס פיעלע גייסטיגע מנהיגים און תלמידי חכמים טראָגען אין זייער הארצען צוליעב זייער אומזיכערער פרנסה און צוליעב דעם עלבון התורה, איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט. די וואָס שטייען נאָהענט צום שוהל לעבען דאַרפען קיין ראיות אויף דעם פאַקט אַז הונדערטער אמת׳ע אָרטאָדאָקסישע רבנים אין אַמעריקע האָבען ניט קיין איינפלוס און ניט קיין פרנסה. צעהנדליגע אָרטאָדאָקסישע שוהלען אין די גרעסערע אידישע צענטערס האַלטען ניט אוים קיין רב; און פיעלע פון די וואָס האָבען יאָ אַ רב, צאָהלען ניט גענוג שכירות, נאָר זיי גיבען איהם אַן אָפּשאָן אויף די אַמעריקאַנער תרומות ומעשרות — הכשרים, מי־שנדר׳ס, חתונות, מצבות, לויות, מכירת חמץ און נאָך אַזעלכע מיני הכנסות וועלכע דאַרפען אויספּיהלען דעם בודזשעט פון די היגע כלי קודש. דער סך הכל פון די אַלע גליקען איז אַז דער רב קעמפט שווער פאַר זיין שטיקעל ברויט און אין דעם דאָזיגען קאַמף ווערט די תורה פאַרשוועכט.

עס איז פשוט נשתומם צו ווערען איבער די עובדות אין אונזערע פאַר־ביזנעוועטע שוהלען. די שלעכטע צייטען זיינען שוין, ברוך השם, ניט אַזוי שלעכט ווי אַמאָהל, און דאָך הערשט נאָך אין אונזער קהל׳יש וועלטעל אַן אומפאַרשטענדליכע דיפּרעשאָן פּסיכאָלאָגיע. אויסער דעם דוחק וואָס דער דורכשניטליכער רב ליידט היינט אין פרנסה, איז ער אויך ניט זיכער מיט דעם וואָס ער האָט. פּשוט: יעדעס מאָהל ווען ער קומט צו אַ נייעם קאָנטראַקט, איז ער ניט זיכער אויב עס וועט קומען צום „וחתמנו״. ער ווייס, דער רב, אַז די בעלי בתים זיינע האָבען שוין פון לאַנג אַ חשק צו אַ פנים חדשות, און, בדוחק גדול, וועלען זיי זיך „דערוויילע — ביז די צייטען וועלען בעסער ווערען״ — באַגיין אָהן אַ רב.

איך ווייס נישט קיין פּאַראַלעל אין דער אידישער געשיכטע ווען דער גייסטיגער פיהרער ביי אידען איז געוועזען אַזוי הפקר ווי ביי אונז אין אַמעריקע. בלויז אין געוויסע צייטען פון בית שני, ווען די כהונה איז דעגע־

נערירט געוואָרען צו דער מדרגה פון אַ „פּאַזישאָן”, וואָס מען האָט געקראָגען מיט פּאָליטישען פּול, אָדער געקויפט פאַר געלט, האָט געהערשט אַזאַ מין צו־שטערענדער כאָאָס ווי בּיי אונז.

דער ערשטער בּית המקדש — זאָגט די גמרא (יומא ט׳) — איז גע־שטאַנען פיער הונדערט און צעהן יאָהר, און דורך דער גאַנצער צייט האָבּען משמש געוועזען בּלויז אַכצעהן כהנים גדולים. דער צווייטער בּית המקדש איז געשטאַנען פיער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, און מעהר ווי דריי הונדערט כהנים גדולים האָבּען משמש געוועזען אין משך פון זיין עקזיסטענץ. מיט די אויסנאַהמע פון דריי כהנים גדולים צדיקים, וועמענס כהונה האָט צוזאַמען בּאַטראָפען הונדערט און דרייסיג יאָהר, האָבּען די איבּעריגע נישט דערצוויגען צום יאָהר. דאָס הייסט אַז כמעט יעדען יאָהר האָט מען גענומען אָדער געקראָגען אַ נייעם כהן גדול. אין צווייטען בּית-המקדש איז די שכינה נישט געוועזען, און ווייל די שכינה האָט דאָרט קיין דעה נישט געהאַט, האָט דער כהן דאָרט קיין תקומה נישט געקענט האָבּען.

עטוואָס עהנליכעס קומט פאָר בּיי אונז. מען האַלט אין איין בּייטען רבּנים און זיך יאָגען נאָך די בּעסטע „סטאַרס”. אַ גרויסער טייל פון עולם האָט פּשוט גענומען בּאַטראַכטען דעם רב אַלס אַן ענטערטיינער וואָס דאַרף זאָגען אַ ווערטעל, אַ וויץ אָדער אַ „כאַפּ” צו אַמוזירען דעם עולם. אויבּ איינער קען נישט די קונץ, מעג ער זיין אַ למדן און אַ ירא-שמים, זוכט מען פון איהם פּטור צו ווערען.

רבּנות, אונזער שטאַרקסטע און הייליגסטע אינסטיטוציע, וואָס האָט דורכגעפיהרט און אָפּגעהיט דאָס אייגענאַרטיקייט פון פאָלק דורך דעם גאַנצען גלות אונזערען, איז אין אונזערע צייטען געוואָרען שוואַך און פאַרשוועכט צוליעבּ דער כסדר׳דיגער אָפּזאָגעניש און חלפנות וואָס גייט אָן אין אונזערע שכינה׳לאָזע שוהלען.

דער עלטערער רב פון היימישען שניט, אויבּ ג—ט האָט איהם גע־שטראָפט מיט אַ נפש היפה און מיט אַ שטאַרקען כאַראַקטער, האָט גרויסע צרות מיט זיינע בּרויט געבּער. וואָס גרעסער אין תורה און חכמה ער איז, אַלץ קנאַפּער קען ער זיך אַריינפּאַסן אין אַ סביבה פון דעמאָקראַטישער מיטעל־מעסיגקייט, עזות און ציניזם. ווייבּאַלד ער קען נישט דרש׳ענען אין ענגליש, מיינט דער האַלבּ אַמעריקאַניזירטער איד אַז דער אַלטער תלמיד חכם איז עפּעס אַ מין בּיליגע סחורה.

אַ גאַנץ גרויסער עולם בּיי אונז מעסט די גדלות פון רב מיט די צאָהל וויצען וואָס ער קען זאָגען, אָדער מיט אַבּיסעל פאַרוואַסערטען „דזשודאיזם” וואָס ער קען „דעליווערען” פאַרן יונגען דור.

פיעלע רבנים וואָס ווילען אָנהאַלטען די אויטאָריטעט פון דין און די ווירדע פון רבנות, ווילען זיך נישט אַראָפּלאָזען צום געשמאַק פון אַט דעם עולם. דערפאַר האָבען זיי אַן אייביגע מלחמה געגען זיך — אַ מלחמה פון זיין אָדער ניט זיין. זיי זיינען שטענדיג אין געפאַהר אָדער צו פאַרלירען זייערע שטעלעס, אָדער רעדוצירט צו ווערען צו דער מדרגה פון די סעקאָנד הענדיגע כלי־קודש.

די אָפיציעלע שוהל וועלט אונזערע איז אַ קאַלטע און אַן אומסימפאַטישע. דער עלבון התורה מאַכט נישט רויט דאָס פנים פון היגע עוסקים בצרכי צבור. די שטימע פון בארג חורב שלאָגט זיך אָן אין הערצער קאַלטע און פאַרפאַנצערטע, און עס איז נישטאָ קיין טאַטע וואָס זאָל זיך אָננעהמען און העלפען דעם אַלטען תלמיד־חכם אין זיין מלחמה פאַר זיין ברויט און פאַר זיין ווירדע.

דער יונגער רב, ווידער, האָט זיך זיינע ערפאַהרונגען. על פי רוב נעמט מען איהם ניט ער זאָל פסק'ענען שאלות און מדריך זיין דעם עולם אין תורה ועבודה. זיין אויפגאַבע איז צו היטען די טויערען פון „סענטער" מעהר ווי די טויערען פון שוהל. אַ מאָדערנעם רב שטעלט מען אָן כדי ער זאָל „ריידען", ער זאָל ציהען די יוגענד, ער זאָל אָרגאַניזירען יוגענדליכע און געזעלשאַפטליכע קלובען, ער זאָל איינאָרדענען אַ „סאָנדיי־סקוהל", מאַכען „קאָנפאָרמיישאָנס" אָדער „גראַדזשואיישאָנס", באַזוכען קראַנקע, מאַכען מיטגלידער און געלט פאַר דער שוהל און פאַר אַנדערע אינסטיטוציעס, און, בכלל, עס זאָל זיך רודערען אין שטעדטעל.

פאַרן עלטערען עלעמענט איז דער דאָזיגער שומר־החומות צו פריי. זיי קוקען אויף איהם מיט חשד. עפּעס אַ מין „והן לא יאמינו לי." די עלטערע שוהל גייער געדענקען נאָך דעם רב פון דער אַלטער היים, און זיי ווילען אַז זייער רב זאָל זיין אַ „דומה למלאך ד' צבאות." אַז זיי זיינען שוין אויך ניט די זעלבע בעלי־בתים וואָס אַמאָהל פאַרגעסען זיי. זייערע מנהגים האָבען זיך געענדערט; זייערע שבתים און ימים־טובים האָבען פאַרלוירען דעם אידישען טעם; זייער טראָפּען תורה האָבען זיי שוין באַלד פאַרגעסען; זייערע קינדער זיינען פרעמדע אין דער היים און אין דער שוהל; און זייערע גוטע מדות — אויב אַזעלכע זיינען געוועזען — האָבען זיך שוין לאַנג אויסגעוועפּט. בקיצור: דער היגער מאַטעריאַליסטישער פּגול האָט שוין לאַנג גע'פּסל'ט כמעט דעם גאַנצען קדשי־קדשים סמאַק פון דעם איינגעוואַנדערטען אידען. די בכבוד'יגע צורה פון אונזער מזרח באַנק אין שוהל איז שוין לאַנג מטשוטש. און דאָך ווילען זיי, די עלטערע שוהל אידען, אַז זייער רב זאָל זיין אַן איש קדוש, און זאָל זיין פרום כאָטש ווי דעם קאָצקער רבי'נ'ס קאָטשערע!

פאַרן יונגער דור, ווידער, איז דער יונגער רב — אויב ניט איבעריג — אַ לוקסוס זאַך. דער היגער דורכשניטליכער יונגער איד איז, אין אַלגעמיין,

נייטראַל צו דער אמת׳ער תורה אידישקייט. קיינעם פעלט גאָר נישט איין צו פאַרלאַנגען פון איהם אַז ער זאָל מקיים זיין די מצוות מעשיות, און ער איז טאַקי ניט מקיים דעם גרויסען רוב פון אַלע עשה׳ם און לא־תעשה׳ם אין דער תורה. מען דערמאָנט איהם בלויז אַז ער זאָל זיין אַ „גוד דזשו״, און אַז ער זאָל קומען אין שוהל אַריין. מילא, די ערשטע פאָדערונג פאַטופעט זיך איהם בכלל ניט אין קאָפּ. נאָך דעם גרויסען ים מיט וואָסערדיגע דרשות וואָס דער הי־געבוירענער איד האָט געהערט וועגען די „פראָפעטס״ און וועגען „דזשודאיזם״, ווייסט ער נאָך אַלץ נישט וואָס עס הייסט אַ „גוד דזשו״. דאַגעגען, אָבער, בנוגע די לעצטע תביעה וואָלט מען מיט איהם גיכער דורכגעקומען. אין שוהל וואָלט ער פיליכט יאָ געגאַנגען, איז אָבער דאָרט נישטאָ די קראַפט וואָס זאָל איהם צוציהען. אַ גרויסען לעקטשורער אָדער אָראַטאָר וואָלט ער אָפט געגאַנגען הערען ריידען וועגען אידישקייט און אידישע פראָבלעמען. דעם געוועהנליכען רעדנער הערט ער עטליכע מאָהל און ער האָט גענוג. די שוהל, בכלל, אויסער דעם קאָמיוניטי־סענטער פאַר ספּאָרט און פאַרוויילונג, דאַרף ער נישט. דאַוועַנען איז, אָדער ער קען ניט, אָדער ער וויל ניט. וואָס האָט ער צו טהאָן אין שוהל? דער טאַטע בעט ער זאָל גיין (אָדער פאָהרען) פרייטאָג אָוונט צו די שפּעטע „סוירוויסעס״, גייט ער אַמאָהל הערען צו דער „ראַבײַ״ קאָן ריידען, און ער לאַנגווייליגט זיך. בלויז ראש־השנה און יום־כפור גייט ער רעגולער אין שוהל אַריין צו באַפרידיגען זיין אידישען געוויסען פאַר אַ גאַנץ יאָהר.

דער פּועל־יוצא פון דער דאָזיגער רעליגיעזער אַנדרולומוסיא איז זעהר אַ טרויעריגער פאַר אונזערע רבנים־מתוקנים. דער מאָדערנער רב, סטאַרענדיג זיך מיט אַלע כוחות אויסצונעמען ביי אַלעמען, צוברעקעלט אַזוי זיין טאַלאַנט און זיינע פעהיגקייטען אַז ער בלייבט אַ קרח מכאן ומכאן. ער מוז קענען די וועלט; ער מוז קענען וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע, פעדאַגאָגיע, רעדנעריי, דרשנות און פאָליטיק. ער מוז וויסען ווי זיך צו באַנעהמען אין געזעלשאַפט, זיין אַ כלל טהוער און קענען זאָגען אַ גוטע שטיקעל תורה צו שלש־סעודות. נישט קיין וואונדער וואָס אפילו די בעלי כשרונות צווישען די ענגליש־שפּרעכענדע רבנים ענטוויקלען זיך נישט אין גרויסע פערזענליכקייטען.

פּשוט: „תפסת מרובה לא תפסת״.

ביי די מעהרסטע פיהרער פון די שוהלען ווערט דער מאָדערנער מנהיג־רוחני באַטראַכט עפּעס ווי אַ מין „היי־פּרעשור״ סיילסמאַן. מען הייסט איהם פאַרקויפען מאָדערניזירטע תורה צום אַלטען דור און לעבליכען „דזשודאיזם״ צום יונגען דור. אַ רחמנות, נעבעך, אויף איהם אויב ער קען נישט צייגען זיינע בעלי־בתים ממשות׳דיגע רעזולטאַטען. אויב די יוגענד גייט פרייטאָג אָוונט הערען און זעהן דעם מוּאווי אַקטיאָר קלאַרק געבעל אַנשטאָט דעם רב,

שאָקעלט זיך זיין פוטוריסטישע כסא־הרבנות. מיט איהם מאַכט מען נאָך קנאַפּער צערעמאָניעס ווי מיטן אַלטען רב. אין אַלגעמיין, האָט דער פאַרענג־לישטער רב דעם סטאַטוס פון אַ האַלבען ארטיסט, סאָשעל וואָירקער און סיילסמאַן. אויב ער „פּראָדוסט" נישט די „גודס", זאָגט מען איהם באַלד אָפּ און מען זוכט אַ צווייטען. ער דאַרף אויך האָבען די הילף פון אַ גוטען טאַטען.

דער צוקונפטיגער רב אין אַמעריקע, וועלכער וועט באַהערשען דאָס גאַנצע אידישע רעליגיעזע לעבען, וועט, לויט אַלע סימנים פון דער צייט, זיין דער היגער געבוירענער יונגער מאַן. אין פלוג זעהט אויס אַז אונזערע ישיבות אין אַמעריקע, וועמענס אָנפיהרער טהוען באמת גרויסע, היסטאָרישע כלל־ישראל אַרבייט, וועלען באַשיידען אונזער גרויסען חלום צוריקצובריינגען דאָס פאָלק צום הייליגען באַרג סיני. זיינען אָבער דאָ גרויסע וואָכענדיגע בערג וואָס פאַרשטעלען דעם וועג.

דער וואַקלענדיגער מצב פון רב, די דרך־ארץ'לאָזע באַציהונג פון עולם, און, ועל כלם, דער באַגרעניצטער עולם־הזה שכר פון דער היינטיגער כהונה, מאַכן אונז זעהר פּעסימיסטיש געשטימט וועגן דעם געשטאַלט פון רבנות און, ממילא, אויך פון אידישקייט אין די קומענדיגע דרייסיג אָדער פערציג יאָהר אין אַמעריקע.

הרב סילבער, פּרעזידענט פון שיקאַגער בית המדרש לתורה, האָט אַמאָל אין אַן עפענטליכע רעדע געזאָגט אַז די וועלט האָט ענטוויקעלט אַ גוטען געשמאַק בנוגע רבנות. מען וויל גוטע רבנים; מען וויל אָבער נישט באַצאָהלען.

און דאָ ליגט טאַקע די הויפּט צרה מיט דעם היגען רבנות. די פּראָפעסיע קען נישט צוציהען די בעסטע קעפּ פון אונזער יוגענד. די תורה אין אַמעריקע איז אין גרויס סכנה צו פאַרלירען איהר גדלות און גאונות דערפאַר ווייל זי איז אָרים און קען נישט גוט באַצאָהלען. מעהר ווי „פּת במלח" האָט זי קיינמאָהל נישט געהאַט, אָבער, דערפאַר מיט כבוד האָט זי געצאָהלט אויפן פּוד. היינט האָט זי גאָרנישט, און זי בעט רחמים אַז אידישע בחורים זאָלען אַ מצוה טהאָן און לערנען לשמה. איז, אָבער, דער דור נישט ראוי דערצו.

ווען מען האָט אין דער אַלטער היים געלערענט תורה מאהבה, ווען די ישיבה איז געוועזען פאַר די אידישע פאָלקס מאַסען אין אייראָפּאַ דאָס וואָס די היי־סקול און דער קאַלעדזש זיינען אין אַמעריקע, האָט די תורה צוגעצויגען די בעסטע קעפּ פון פאָלק. פיעלע פון אונזערע רבנים זיינען געוועזען גאונים און מאַגנעטישע פּערזענליכקייטען. כמעט אַלע זיינען געוועזען אידעאַליסטען תלמידי־חכמים, וויליג צו טראָגען דעם עול פון קהל און ליידען דחקות לשמה. קיין רב האָט נישט פאַרלאָזען זיין באַרוף דערפאַר וואָס מען קען דערביי נישט

מאַכען גענוג געלד. טויזענדער יונגע לייט האָבען אָנגעפילט די ישיבות נישט קלערענדיג וועגען אַ תכלית. אין אַמעריקע, דאַגעגען, הערט מען אָפּט פון פעהיגע יונגע לייט וועלכע פאַרלאָזען דאָס אָרטאָדאָקסישע רבנות צוליעב אַן אַנדערער פּראָפעסיע, אָדער ווערען רעפאָרמער הויפּטזעכליך צוליב עקאָנאָ־מישע מאָטיוועז. די גרויסע מאַסע פון דער שטודירענדער יוגענד וויל נישט לערנען די תורה פון די ישיבה אפילו שלא לשמה. אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבען די היגע ישיבות באַוויזען צו גראַדואירען אַ באַגרענעצטע צאָהל תלמידים בעלי־כשרונות. וואָס עס וועט זיין אין צוואַנציג אָדער דרייסיג יאָהר שפּעטער, קען מען נישט פאָראויסזעהן. איינס אָבער איז זיכער: אויב די בעלי־בתים וועלען נית ענדערען זייער „דיפּרעשאָן" פּסיכאָלאָגיע בנוגע די תורה, וועלען מיר דאָ האָבען רבנים בלויז מיטעלמעסיגקייטען. מיר פאַרלאַנגען דאָך נישט פון דעם היגען ישיבה בחור אַז ער זאָל זיין צופריעדען מיט אַ קב חרובין אַלס שכר פאַר זיין תורה. דאָס לאַנד און די אומשטענדען האָבען פון רבנות געמאַכט אַ קאַריערע. דאָס איז אַלעמען באַוואוסט, און מיר האָבען שוין מיט דעם לאַנג שלום געמאַכט. און אויב בלויז אַ קאַריערע, מוז רבנות געשטעלט ווערען — עקאָנאָמיש און געזעלשאַפטליך — אויף דער זעלבער מדרגה ווי די אַנדערע מעהר בכבוד׳יגע און פּראָפיטאַבלע פּראָפעסיעס. אויב נישט, אויב רבנות וועט בלויז זיין אַ פאַרזשאַווערטער קרדום אויסצוגראָבען אַ בצומצום׳־דיגע פרנסה, וועט דער פעהיגער און שטאָלצער אַמעריקאַנער בחור נית אָננעהמען אַזאַ „איפת רזון זעומה".

דער יונגער מאַן זעהט אַז עס זיצען מיטעל־יעהריגע און עלטערע תלמידי־חכמים רבנים אין די שוהלען און קעמפען שווער פאַר ביסען ברויט. ער זעהט אויך אַז וואָס עלטער דער רב ווערט, אַלץ קנאַפּער „אַטרעקשאָן" איז ער פאַר זיין קהלה. עס איז אויך פאַר איהם קיין סוד נישט אַז אין פיעלע שוהלען הערשען פּרעזידענטען וועלכע האָבען נישט קיין אחריות פאַר אידיש־קייט, נישט קיין רחמנות אויפן רב מיט זיין פאַמיליע און נישט קיין געוויסענס־ביסע אויפן עלבון התורה. דאָס טראָפּען אידעאַליזם וואָס דער היגער סטודענט פאַרמאָגט האָט נישט די קראַפט צו טרייבען איהם מיט אַ געזונטען קאָפּ אין קראַנקען בעט. ער האָט נישט קיין חשק צו פאַרבינדען זיין לעבען מיט אַ פּראָפעסיע וואו די בעסטע און די גרעסטע האָבען אויסצושטעהן צרות־צרורות, נישט האָבענדיג זאָגאַר די האָפנונג צו שטייגען הויך פינאַנציעל.

מיר ווייסען, למשל, אַז די מעדיצין אָדער די אַדוואָקאַטור איז אין דער געגענוואַרט איבערפילט. עס איז שווער פאַר אַ יונגען מעדיקער אָדער אַדוואָ־קאַט זיך צו עפּעס צו דערשלאָגען. דאָך ווייסען מיר פון פיעלע דאָקטוירים וואָס מאַכען איבער פופציג טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר. געוויסע באַריהמטע אַד־וואָקאַטען מאַכען נאָך מעהר. די מיטעלמעסיגע וואָס צוליעב זייערע באַגרע־

ניצטע פעהיגקייטען אָדער צוליעב אונגינסטיגע באַדינגונגען פאַרדינען בלויז אויף חיונה, האָבען אַ געוויסע באַפרידיגונג אין דעם פאַקט וואָס זיי זיינען אונאָבהענגיגע, פרייע מענשען וועלכע פיהלען אַז זיי שטייען אויף סאָלידען באָדען. בכלל זיינען דאָס פראָפעסיעס בכבוד'יגע, וועלכע גיבען יעדען איינעם די מעגליכקייט צו שטייגען לויט זיינע פעהיגקייטען. דער געניוס וועט נאָך יאָהרען שווערע אַרבייט און פראַקטיקע שטייגען גאַנץ הויך.

וואו איז אָבער דאָ ביי אונז אַן אָרטאָדאָקסישער רב וואָס קען שטייגען ביז צוואַנציג טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר? וואו זיינען די אָרטאָדאָקסישע רבנים וועלכע קענען זיין אַזוי אונאָבהענגיג אין זייער פרנסה ווי די אַנדערע פראָ־פעסיאָנאַלען? און וואָס איז דער געזעלשאַפטליכער סטאַטוס פון די עיני העדה וואָס פאַרדינען בלויז אויף חיונה? און וואָס דענקען אונזערע שוהל גבאים וועגען זייערע אַלטע רבנים (אפילו ווען די לעצטע זיינען באמת גדולי תורה והוראה) וועלכע האָבען נישט קיין פרנסה און זיינען געצוואונגען צו זוכען ברויט דורך אַלערליי פחיתת־הכבוד'יגע און שפל'ע תחבולות, וואָס באַצייכענען זייער אַבגעטראַגענעם איצטלא־דרבנן מיט סימנים מובהקים של קבצנים ומקבלים?

די טראַגעדיע פון רבנות אין אונזער מאַטעריאַליסטיש לאַנד האָט פיעל צו טהאָן מיט דעם נידעריגען מצב הפרנסה אין וועלכען די פראָפעסיע געפינט זיך. די יוגנט האָט בלויז רעספעקט פאַר אַ מענטשן וועלכער פאַרדינט גענוג און פון וועמענס ברויט עס הערט זיך נישט דער חלשות ריח פון נהמא־דכיסופא. די בעלי־בתים האָבען דרך־ארץ פאַר איינעם וואָס קען „מאַכען" אַ דאָלאַר און איז נישט קיין קבצן. אויב דער רב מאַכט נייט אַ בכבוד'יגען לעבען, קריגט ער קיין כבוד נייט. אין אַ לאַנד וואו תורה איז בלויז אַ סחורה, מוז מען פאַר תורה גוט באַצאָהלען אויב מען וויל אַז מען זאָל איהר רעספעקטירען.

אונזערע באַריהמטע שוהל מאַכערס, וועלכע האָבען אין די לעצטע יאָהרען גענומען אויסבעסערען דעם מצב פון זייערע שוהלען דורך הארצלאָזע שניטען אין די שכירות פון די כלי־קודש, האָבען דערלאַנגט דאָס רבנות אַ שטאָך אין סאַמע הארץ אַריין! און די וואונד וועט זיך נייט פאַרהיילען ביז די פאַרדאַמטע עקאָנאָמיע וועט נייט אָפגעשאַפט ווערען. די גבאים טענה'ן, גע־וועהנליך, אַז די צייט איז שלעכט און מען קען נייט צאָהלען מעהר. אין פיעלע פאַלען איז דאָס אמת. על פי רוב, אָבער, איז דאָס בלויז אַ פוסטער תירוץ. די אָפיציעלע עסקנים זיינען אָדער אומפעהיג צו שאַפען די נויטיגע סומען, אָדער זיי ווילען קומען צום יעהרליכען שוהל־מיטינג און ווייזען זייערע מיטגלידער אַז זיי קאָנען באַלאַנסירען אַ בודזשעט בעסער ווי דער אַמעריקאַנער פרעזידענט.

אין לעצטען סך־הכל, האָבען די מענשען, אין וועמענס הענט עס איז אָנפערטרויט געוואָרען דאָס אַפּטרופּסות פון די קליינע בתי־מקדש, אַ שטופּ געטהאָן די שוהל צוזאַמען מיטן רב אויפן וועג צום אָפּגרונט. זיי האָבען רעדוצירט זייערע רבנים צו דער מדרגה פון גאַנצע אָדער האַלבע אָרימע לייט. און דער יונגער דור, זעהענדיג אַז זיין גייסטיגער שפּייזער איז נישט בכח מפרנס צו זיין זיין אייגענע הויז, קעהרט זיך אָפּ פון רבנות און פון דער שוהל. נישט בלויז קיין רב וויל דער היגער יונגער מאַן ניט זיין, נאָר ער פאַרלירט נאָך דעם גאַנצען רעספּעקט פאַר דעם אָרגאַניזירטען אָרטאָדאָקסישען שוהל אידישקייט. וואָס פאַר אַן איינפלוס קאָן אויף איהם האָבען אַ רב וואָס קאָן קיין אָנשטענדיג לעבען נישט מאַכען? ער וועט זיך לאָזען פיהרען פון אַזאַ מורה־דרך ווי ער לאָזט זיך פיהרען פון זיין אַלטען טאַטען, וועמען ער גיט צושטייער דריי דאָלאַר אַ וואָך אויף חיונה.

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלעס. די זעלבע „באָרד־אָף־דירעקטאָרס", וואָס צאָהלען פּעטע מאָרגעדזשעס צום באַנקיער און שווינדזיכטיגע שכירות צום רב, ווען עס קומט צום אויפנעהמען אַ גייסטיגען פיהרער, ווילען זיי דוקא דעם בעסטען. אָבער וואו זאָלען זיי איהם נעהמען? אַז מען וויל האָבען גדולים, דאַרף מען זיי קענען מגדל זיין. זיי הערען אוים אַ צעהן אָדער צוואַנציג קאַנ־דידאַטען, און זיי דרייען מיט די נעזער: „נאָ־גוד!" און ווען, ענדליך, זיי דער־קלייבען שוין איינעם, ווערט ער שנעל צוגעגעסען. אין אַ קורצע צייט מורמעלט מען שוין אַז עס איז עפּעס ניט דאָס וואָס מען האָט לכתחלה געמיינט. די מתאוננים טענה׳ן אַז זיי האָבען זיך אָפּגענאַרט. עס איז געוועזען אַ מקח טעות. מבינים אויף עפּעס גוטס זיינען זיי דוקא, יאָ. אָבער זיי אַליין — מיט זייערע דקדוקי־עניות מעטאָדען — פאַרטרייבען די בעסטע קינדער אונזערע פון דער אָרטאָדאָקסישער רבנות, און דאָך ווילען זיי די בעסטע רבנים! פאַרשטייען זיי דען ניט, די געניטע סוחרים, אַז מען קען ניט טרעטען אויפן כבוד פון רב און באַהאַנדלען איהם ווי אַ שכיר־יום, און אין דער זעלבער צייט פאַרלאַנגען פון אַ בחור, אַ בעל כשרון, אַז ער זאָל מקריב זיין זיינע בעסטע כחות צו לערנען תורה און הכמה כדי צו ווערען אַ מורה הוראה בישראל?

לאָמיר זיין אָפענהערציג:

מיר האָבען צו ווייניג גרויסע פּערזענליכקייטען אין אונזער אָרטאָדאָק־סישען לאַגער. אַ מאַנגעל אין גדולים פיהלט זיך צווישען אַלע טיפען אָרטאָ־דאָקסישע רבנים אין אַמעריקע. זאָלען נאַאיווע אידען זיך פּלפּול׳ען וויפיעל זייער הארץ גלוסט וועגען די סבות וואָס האַלטען די יונגענט ווייט פון די שוהלען. דאָרטען וואו עס שטייען גרויסע ראַביים — ביי די רעפאָרמער און ביי די קאָנסערוואַטיווע — קומט די יוגענד אין די טעמפּלען און אין די סינאַגאָגען. אונזערע קינדער גייען גערן הערען סטיפען ווייז, אבא הלל סילווער, סאַלאָמאָן

גאָלדמאַן און אַנדערע סטאַרס אין יענעם לאַגער. די מעהר באַריהמטע און איינפלוסרייכע רבנים אין די טראַדיציאַנעלע מאָדערנע שוהלען האָבען אויך אַ יונגען עולם ביי זייערע דרשות. ווען מיר זאָלען האָבען אַ גרעסערע צאָהל וויכטיגע ענגליש שפּרעכענדע רבנים, וואָלטען מיר געקאָנט געווינען דעם גרעסטען טייל פון דעם וואַקסענדען דור אויף אונזער צד. דאָס אַלטע נישט־פּאַרפוצטע יודענטהום, מיט זיין עקשנות און מיט זיינע פּשרות׳לאָזע אמת׳ן, קען גובר זיין דאָס נייע יודענטהום, מיט זיין הכנעה און מיט זיינע עלאַסטישע פּרינציפּען. אין אונזער תורה, ווי זי ווערט אויסגעטייטשט אין אַלטען טראַדיציאָנעלען שטייגער, איז פאַרהאַן גענוג ראָמאַנטיזם, גענוג אידעאַלען, גענוג קדושה און וויטאַליטעט צו באַצווינגען און צו באַגייסטערען דעם יונגען איד. עס פעהלען בלויז עהרליכע און גרויסע אויסטייטשער, וועלכע זאָלען קענען מתרגם זיין דעם טיעפען גלויבען און ריינעם אידעאַליזם פון תורה־שבכתב און תורה שבעל־פה פאַר אונזערע כמעט האָפנונגסלאָז פאַר׳תרגום׳טע קינדער.

די האַלבע און גאַנצע רעפאָרמער האָבען מיט זייער געלט און מיט זייער דיסציפּלין באַוויזען אויסצובילדען אַ גרעסערע צאָהל אַנגעזעהענע ראַביים, וועלכע פיהרען אַרוים מאַסענווייז די יוגענט פון די מחנה שכינה. און, באמת: ווארום זאָלען דאַ ערצויגענע אידען, וועלכע האָבען בלויז אַ מטושטש׳דיגען באַגריף וועגען די פאַרשיעדענע קלאַסיפיצירונגען און ריכטונגען אין אידישען רעליגיעזען לעבען, און וועלכע גייען נישט אין שוהל לשם מצוה, נאָר זיי ווילען דאָרט הערען עפּעס אַ שטאַרק וואָרט אָדער אַן אָרגינעלען געדאַנק וועגען אידען און יודענטהום, קומען הערען אַ מיטעלמעסיגען רב, וואָס איז מעלה גרה אַ פּעקעל אויסגעדראָשענע דרשות, אין דער צייט ווען זיי קענען גיין הערען אַ באַריהמטען ראַביי וואָס בליצט מיט זיין שפּראַך און מיט זיין געדאַנק.

צוליעב אונזער הפקר׳דיגען געמיינדע לעבען האָבען מיר קיין אַנדער מיטעל ווי צו ברענגען אונזערע קינדער אין די שוהלען אויסער די פּערזענליכקייט פון רב. מיר מוזען דעריבער ערציהען גרויסע אָרטאָדאָקסישע רבנים, וועלכע זאָלען זיך קענען פאַרמעסטען מיט זייער פּערזענליכקייט, געלעהרזאַמקייט און אָראַטאָרישע קראַפט מיט די בעסטע פון די ליבעראַלען. אַזעלכע מענשען וועלען שוין וויסען ווי אַזוי מקרב צו זיין און צוריקצוקעהרען די הערצער פון די קינדער צו זייערע עלטערען. אַזעלכע מענשען וועלען ניט דאַרפען ריידען צו האַלב ליידיגע בענק און צו אַן איינגעשרומפּענער עדה וואָס ווערט, בכלל, נישט נתפּעל פון דעם דורכשניטליכען רב׳ס דרשה.

אָבער אַזעלכע רבנים וועלען מיר נישט האָבען אַזוי לאַנג ווי מיר וועלען צאָהלען קלעגליכע שכירות און דאָס גאַנצע רבנות וועט האָבען אַ פּנים פון צדקה ביזנעס. דאָס געשעפט וואָס קען גוט באַצאָהלען זיינע הויכע אַנגעשטעל־

טע קען האָפען אויף אַ גרויסע צוקונפט. נישט אַנדערש. אונטער די הערשענדע קבצנ׳ישע און אחריות׳לאָזע אומשטענדען וועלען נישט וואַקסען קיין גרויסע אָרטאָדאָקסישע רבנים אין אַמעריקע. עס מוז פריהער אָפּגעשאַפט ווערען דער נידעריגער לעבענס סטאַנדאַרד פון דער פּראָפעסיע, און עס מוז צוריקגעשטעלט ווערען דער היימישער טיעפער דרך-ארץ פאַר די תורה טרעגער. די תורה איז געוואָרען פאַראָרעמט און פאַרשוועכט, און זי מוז צוריקקריגען איהר אַמאָליגען גלאַנץ! עס מוז זיך ענדערען די גאַנצע אַלרייט׳ישע פּסיכאָלאָגיע בנוגע די רבנות אינסטיטוציע.

מיר דאַרפען נישט קיין בעלי-בתים! מיר האָבען צופיעל בעלי-בתים! טאַטעס דאַרפען מיר! מיר דאַרפען אידען וואָס זאָלען זאָרגען פאַר דעם וואויל-זיין פון די תורה ווי זיי זאָרגען פאַר דעם וואוילזיין פון זייערע אייגענע קינדער. אידען וואָס זאָלען אין אַ קריזיס נישט אָפּשאַפען די דיענער פון דער תורה ווי מען שאַפט אָפּ אַ פּראָסטען אַרבייטער. אידען וואָס די תורה זאָל זיין אַ טייל פון זייערע פּערזענליכע אינטערעסען. אידען וואָס זאָלען מכבד זיין דעם רב מיט זייער גאַנצער ערנסט. אידען עהרליכע, נישט קיין היפּאָקריטען מיט נשמות צופרעסענע פון כפירה און ציניזם. מיר דאַרפען בר-דעת׳דיגע און מוטיגע טאַטעס, מיט הערצער פול מיט אמונה, סימפּאַטיע און אהבה פאַר די תורה און פאַר איהרע נושאי דגל. אויב ניט, אויב מען קען ניט קריגען אַזעלכע אידען, וועט דער רב מיט זיין תורה בלייבען ווי אַן עבד און אַ שפחה אין דעם הויז פון אַ בייזען אדון, און דער בת-קול פון באַרג חורב וועט ווערען אַלץ שטאַרקער און צאַרנדיגער, און דעם אידענס האַרץ וועט ווערען אַלץ האַרטער און פרעמ-דער, און דאָס אין פייער-געלייטערטע יודענטהום מיט זיינע רבנים, מיט זיינע גאונים און מיט זיין תורה וועלען פאַרשלונגען ווערען אין דעם כאַאָס פון אַ קאַלטער און פרעמדער וועלט, און די וועלט וועט ווערען ערגער און אָרימער, ווייל זי וועט פאַרגעסען דעם אמת׳ן פּשט פון דער אידישער תורה.

כל תורה שאין לה בית אב — אינה תורה.

רבי, זאָגט כשר אָדער שטאַרבט פאַר הונגער

וועו אונזערע רבי'ס זיינען אַריינגעגאַנגען אין די ישיבה פון יבנה, האָבען זיי געזאָגט אַז די תורה וועט אַמאָל פאַר־געסען ווערען פון אידען. אַ פרוי וועט אַרומגיין מיט אַ לעבעל תרומה ברויט אין די שוהלען און אין די בתי מדרשים מיט אַ שאלה אויב זי איז טמא אָדער טהור, און קיינער וועט ניט פאַרשטיין צו פסק'ענען דעם דין

(שבת קל"ח)

(כשנכנסו רבותינו לכרם ביבנה, אמרו: עתידה תורה שתשתכח מישראל... עתידה אשה שתטול ככר של תרומה ותחזור בבית כנסיות ובבתי מדרשות לידע אם טמאה היא ואם טהורה היא, ואין מבין וכ"ו).

א

די געזעצען פון אונזער תורה זיינען געבויט אויפן אַבסאָלוטען אמת און ספעציעלען אידישען חוש פאַר יושר. קיינע זעלבסטזיכטיגע אינטערעסען פון דין אָדער פון בעל דין האָבען נישט משפיע געוועזען אויפן אויסגאַנג פון משפט. משה רבנו האָט געשריבען די תורה אין מדבר וואו אַלע זיינען גלייך; וואו גרויסע עקאָנאָמישע אָדער פאָליטישע אינטערעסען קענען ניט אויסאיבען קיין איינפלוס איבערן פסק דין. אונזערע אַלטע דינים און די יסודות אויף וועלכע די רבנים האָבען געבויט זייערע נייע דינים זיינען ניט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען ביי הויך באַצאָהלטע אדוואָקאַטען און סענאַטאָרען, וועלכע האָבען מיטן כח פון די מטבע אויסגע'פשט'לט גינסטיגע געזעצען פאַר זייערע בעלי בתים. „מה אני בחנם, אף אתה בחנם" — אַזוי ווי איך לערען מיט דיר תורה בחנם, אַזוי זאָלסטו לערנען תורה מיט אידען בחנם — האָט ג—ט געזאָגט צו משה'ן. די כונות און דער יושר פון שופט מוזען שטעהן איבער יעדען חשד.

מיר האָבן שטענדיג געגלויבט אין דער עהרליכקייט פון דער תלמודישער באַהויפּטונג אַז „דין פּרוטה כדין מאה״ — דען דער דין פון אַ פּרוטה איז גלייך צו דעם דין פון הונדערט גילדען. דערפאַר האָט דער אַלטער רב, דער אמת׳ער אויסטייטשער און פאַרשטעהער פון תלמוד, געהאַט דעם פאַלשטענדיגען צוטרוי פון אָרימאַן און נגיד צוגלייך. אַ פשיטא שוין, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט נישט אין געלד ענינים נאָר אין איסור והיתר, כשר און טרפה, טמא און טהור, האָט דער איד גוט געוואוסט אַז די תורה פון זיין רב איז נישט אונטערגעוואָרפען קיין ערדישען איינפלוס, און איז דערפאַר אויסער יעדען חשד.

צום באַדויערען, אָבער, האָט די מאָדערנע צייט כסדר אונטערגעגראָבען דעם גלויבען אין רב׳ס עטישער כשרות. דער היינטיגער שוהל איד באַזיצט נישט די זעלבע אמונת חכמים ווי דער אַמאָליגער איד, ווייל די אומשטענדען האָבען געמאַכט פון אַ רב אַ פשוט׳ן בשר ודם, וואָס דאַרף שווער מלחמה האַלטען פאַר זיין פּרנסה וועלכע ער ציהט פון זיין תורה. משה און שמואל האָבען מיט נביאישען אייפער באַטאָנט דעם פאַקט אַז זיי האָבען גאָר נישט גענומען פון פאָלק. די מעהרסטע פון די תנאים און אמוראים האָבען נישט גענוצט די תורה אַלס אַ קרדום אויסצוגראָבען זייער חיונה. דער רמב״ם פּסקנ׳ענט להלכה אַז דער רב טאָר נישט נעמען באַצאָהלט פאַר זיין תורה, און דער דאָזיגער „נשר הגדול״ — דער גרעסטער רב זינט די עפּאָכע פון די גאונים — האָט זיך מפרנס געווען פון מעדיצין. אָבער די שפּעטערע רבנים האָבען אונטערן דרוק פון די צייט געמוזט געפינען אַ היתר צו לעבען פון רבנות, און זיי האָבען דאָס גערופען „שכר בטלה״. פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעפאַנגען די הדרגה׳דיגע ירידה פון די גרויסע רבנות אינסטיטוציע ביי אידען, ביז עס האָט דערגרייכט אַ גאַנץ שפל׳ן מצב. אין געוויסע לענדער איז שוין נישט פאַרבליבען מעהר ווי אַ שאָטען פון דעם הערליכען כתר תורה. די רבנים האָבען לגמרי פאַרלוירען דעם כח צו זיין די אמת׳ע שלוחי דרחמנא, און צו פאָדערען די פולע געהאָרכזאַמקייט פון דין.

(עס איז קיין צופאַל נִיט וואָס דער הייליגסטער מענש אין זיין דור, דער גאון און צדיק דער חפץ חיים, ז״ל, איז קיין אָפיציעלער רב ניט געוועזען, און האָט זיך מפרנס געוועזען פון שרייבען ספרים).

ב

אַלס אַ טרויעריגען און עקסטרימען ביישפּיעל פון אַ רב וואָס קען ניט זאָגען וואָס ער וויל, ווייל ער איז בלויז אַן אָנגעשטעלטער ביי זיינע בעלי-בתים, און ער קען ניט גיין געגען זיין רצון, געפינט מען אין אַמעריקע. ניט בלויז די

ליבעראַלע אידען האָבען זיך געדונגען צעהן און צוואַנציג טויזענט דאָלאַרדיגע מנהיגים, וועלכע האָבען איבערגע׳פסק׳ענט דעם גאַנצען שלחן ערוך און גע־מאַכט די גרעסטע רעוואָלוציע אין אידישען רעליגיעזען לעבען, נאָר אפילו די אַזוי גערופענע אָרטאָדאָקסישע אידען — וועלכע צאָהלען נישט, אגב אורחא, קיין צו גרויסע געלדער צו זייערע רבנים — האָבען אויך גענומען פאָדערען, אָפען אָדער מיט רמזים, פון זייערע מורי דרך צו מאַכען זיך כלא ידע, און ניט שטערען די פּרצות און דין פאַרלעצונגען וואָס ווערען פּראַקטיצירט אין אונזער לעבען בריש גלי.

עס זיצען אין די שוהלען רבנים, אַלטע און יונגע, און מוזען צוזעהן ווי דער דין ווערט געטראָטען און פאַרשוועכט, ניט בלויז אין די היימען פון זייערע בעלי בתים, נאָר טאַקע אין די שוהלען גופא. זיי מוזען קוקען און שווייגען, ווייל זיי האָבען מורא פאַר זייער שטיקעל ברויט. די שוהל איז קאָמערציאַליזירט געוואָרען, און דער רב ווערט באַטראַכט בלויז ווי אַ נויטיג — און אַמאָל אויך אוננויטיג — שרייפעל אין דער הייליגער שוהל מאַשין.

אויסער אין אַ שאלה וועגען אַ טעפּעל מיט אַ לעפעל, קדיש זאָגען וכדומה אַזעלכע ענינים וואו דער הפסד איז ניט מרובה, קען דער רב ניט זאָגען וואָס ער וויל, און קען ניט פּסק׳ענען ווי ער וויל. די שאלה פון פּרנסה איז די האַרב־סטע שאלה, און אויב דער רב וויל ניט שטאַרבען פון הונגער, מוז ער מקיים זיין דעם „בנפשו יביא לחמו״, כמעט ווי די אַמאָליגע אנוסים אין שפּאַניען.

און אפשר האָבען דאָס טאַקע געמיינט אונזערע אַלטע תנאים, וועלכע האָבען אין אַ שעת חירום געגרינדעט די ישיבה אין יבנה, און מיט מסירת נפש געשפּונען דעם פאָדים פון דער סיני מסורה.

דאָס לאַנד און דער בית המקדש זיינען חרב געוואָרען. די צדוקים און די תקיפים, די פריינד פון הורדוס׳עס און פון די אגריפּאַ׳ס די בלוט זויגער פון פאָלק, וועלכע האָבען זיך לשם ביזנעס געריסען אַין קדשי קדשים אַריין, און געקוקט אויף די כהונה ווי אויף אַ מיטעל אויסצופּרעסען געלט פון עולם, האָבען שטענדיג געמאַכט יד אחת מיט די רוימישע נציבים, און געטיילט זיך מיט׳ן זאַק רויב מיט די פרעמדע אַריינדרינגער (זעה דורות הראשונים, יצחק אייזיק הלוי, חלק א׳ כרך חמישי דף ד׳). יעצט, ווען דער ישוב איז געוועזען פאַל־שטענדיג דערשלאָגען און באַזיגט, האָט מען, נאַטירליך, מורא געהאַט אַז די דאָזיגע בוגדים וועלען נאָך אַמאָל וועלען אויפהויבען דעם קאָפּ, און זוכען נייע מעגליכקייטען ווי אַזוי אַרויסצוזייגען פריינדשאַפט צו זייערע פאַרבינדעטע און באַשיצער, די רוימער. דאָס פאָלק האָט נאָך גאַנץ גוט געדענקט די גאַנצע פלעיאַדע פון די קמצא׳ס און בר קמצא׳ס, וועלכע האָבען שטענדיג געזוכט חטאים אויף די רבנים, און האָבען צוליעב יעדען שקאַ דריספּק געשיקט קיין

רוים די באריהמטע מסירה׳לעך: „מרדו בך יהודאי״ — די אידען האבען מורד במלכות געוועזען. עס זיינען נאך געוועזען פריש אין זכרון די עובדות פון אגריפא דעם צווייטען און זיין באנדע, וועלכע האבען אויפגענומען כהנים גדולים מענשען וועלכע האבען פשוט קיין עברי ניט געקענט. (דורות הראשונים, חלק א׳ כרך ה׳ דף ה׳. געשיכטע חזר׳ט זיך איבער: עס זיינען היינט דא מענשען ביי אונז וואס קענען ניט בוכשטעבליך א פסוק חומש, און דאך גילטען זיי ביי א גרויסען טייל פון היגען אידענטהום אלס גייסטיגע פיהרער). מען האט גאנץ גוט געוואוסט אויף וועלכע געמיינהייטען יענע אסימיליאטארען זיינען פעהיג געוועזען, און מען האט מורא געהאט פארן וויטערן גורל פון פאלק מיט זיין תורה.

אין א צייט פון הונגער, פון עקאנאמישער און פאליטישער פארשקלא־פונג, פון שטענדיגער מורא פאר שפיאנען און בוגדים איז שווער צוריקצופיה־רען דאס פאלק צום בארג סיני צו באנייען די אלטע דעקלאראציע פון „נעשה ונשמע״. אין א צייט פון שקר און אומרעכט איז שווער צו לערנען די תורה פון אמת און צדק. אויב אן איינפלוסרייכען אידען וועט נישט געפעלען ווערען דעם רב׳ס פסק דין, וועט ער שוין וויסען וואס ער האט צו טהאן. מיט דער הילף פון א פריינדליכען רומישען באאמטען וועט מען דעם אונסימפאטישען מורה הוראה גאנץ לייכט קענען באזייטיגען פון זיין צו פרומען כסא הרבנות, און איין מסירה׳לע פון א צדוקי וועט אפשר גענוג זיין צו פארמאכען די גאנצע פרושים׳דיגע ישיבה אין יבנה, און צו עפענען אויף איהר פלאץ א צדוקים׳שען סעמינאר פון דעם באוואוסטען מין.

אט דעם דאזיגען טרויעריגען צושטאנד פון דער אמת׳ער תורה אידיש־קייט מיט איהרע אמת׳ע פארשטעהער האבען אונזערע חכמים אויסגעדריקט אין דעם אויבען דערמאנטען מאמר אין די גמרא.

פשוט לערענט מען דעם פשט אין די גמרא אז די אשה וועט פרעגען א שאלה אויב דאס לעבעל תרומה ברויט איז טמא אדער טהור, און דערפאר וואונדערט זיך די גמרא: ווארום וועט מען נישט וויסען דעם דין? עס איז דאך א בפירוש׳ער פסוק? א בפירוש׳ע משנה?

אבער פון דעם לשון אין די ברייתא: „טהורה היא, טמאה היא״, ווייזט אוים אז די שאלה איז גאר אויף די אשה אליין, נישט אויפן ברויט („ככר איז לשון זכר, האט געדארפט שטעהן: „טהור הוא״).

די פרוי קומט פרעגען א שאלה אויף איהר אייגענע טומאה, און זי וויל אז דער רב זאל זאגען „טהור״. זי וויל — ניין — זי פאדערט אז דער פסק דין זאל זיין לויט איהר געשמאק. און דאס טהוט זי אין דער צייט ווען זי ברענגט

איהר דיום, איהר לעבעל ברויט פון תרומה פון וועלכען די כלי קודש זיינען זיך מפרנס. איהר געפעלען נישט די אַלט מאָדישע דינים און מנהגים, און זי קען נישט פאַרשטיין צו וואָס אַ מאָדערנער מענש דאַרף זיך אַרומטראָגען מיט אַ שטיק אַלטערטהום. אַלע אידען, צדוקים און פּרושים, זאָגט זי, האָבען גוטע הערצער, היינט פאַר וואָס קען מען טאַקע ניט זיין „גוד דזשוס״ אָהן תורה און מצות? „רבי״, טענה׳ט די מאָדערנע פרוי, „אייער צדקות און אייערע דינים זיינען גוט געווזען אין די צייטען פון משה רבנו, אין מדבר, נישט היינט צווישען ציוויליזירטע מענשען. און טאָמער עקשנ׳ט איהר זיך דוקא איין פאַר אייער אָבגעלעבטען דין, טראָג איך צוריק מיין תרומה, און איהר, זוכט אייך אַ צווייטען בית המדרש. כ׳וועל שוין געפינען אַ רב וואָס לעבט מיטן גייסט פון די נייע צייט, און פאַרשטייט ווי אַזוי צו כשר׳ן אַזעלכע קליינינקייטען. די ברירה איז ביי אייך, רבי, זאָגט „טהור״ אָדער „שטאַרבט פון הונגער!״

און דער רב דערמאָנט זיך באַלד אין זיין ווייב און קינדער, וואָס זיינען אָנגעוויזען אויף די תרומה פון די דאָזיגע שוהל אשה, און פילענדיג ווי די אַלטע לוחות ברעכען זיך אין זיינע הענט, און אַז אַ נייער חורבן — אפשר נאָך גרעסער ווי דער חורבן בית המקדש — רוקט זיך אָן אויף ג—ט׳ס פאָלק, קרעכצט ער אַרוים מיט גרוים צער דאָס אומריינע וואָרט: „טהור, טהור״. — ויצאה נשמתו בטהור.

עס איז טאַקע דאָ אַ פּסוק און אַ משנה אַז עס איז טמא, אָבער דאָס לעבעל ברויט האָט דעם כח פון די פרה אדומה: עס איז מטהר טמאים ומטמא טהורים, עס איז מטהר די קופּת שרצים פון פרנס, און עס איז מטמא די נשמה פון רב.

און אויף דעם האָבען געקלאָגט אונזערע אַלטע תנאים אין יבנה:

„עתידה תורה שתשכח מישראל״.

דער׳הרג׳עט דעם רבונו של עולם

א

עס זיינען דאָ צוויי בולט׳ע קאַטעגאָריעס רשעים. צו דער ערשטער קאַטעגאָריע באַלאַנגען די רשעים וואָס קעמפען געגען מענש און געגען גאָט. זיי ווילען זיך נישט אונטערוואַרפען אָדער אַנערקענען קיין העכערע קראַפט און מאָראַל אויסער די וואָס ווערט דיקטירט פון זייער בלוט. יעדע העכערע זיטליכקייט וואָס פאָדערט אַן איינצאַמונג פון זייער ווילדער נאַטור, ווערט פון זיי פאַרלאַכט און צעטראָטען אויף אַ ברוטאַלען אופן. זיי זיינען אין דער בחינה פון מומרים להכעים, וועלכע שטעלען זיך ביד רמה העכער איבער יעדען דין און משפט וואָס שטימט נישט מיט זייערע פאָדערונגען און תאוות. זייער גאַנצער לעבענסוועג איז איין לאַנגע קייט פון בלוט און פאַרברעכען וואָס דער־פיהרט זיי ענדליך ביז צו פאַרניכטונג. זיי שטעלען זיך קיינמאָל נישט אָפּ אין מיטען, אפילו ווען זיי שטעהען שוין ביים מויל פון תהום. צוריק געהען זיי קיינמאָהל נישט, אפילו ווען זיי פיהלען אַז זיי זיינען באַזיעגט. די טויערען פון תשובה זיינען פאַר זיי פאַרשלאָסען און זיי זיינען שטענדיג אַ געפאַהר פאַר דעם מענשליכען וואוילזיין און פאַר אַ ציוויליזירטער אָרדענונג. בלויז מיט׳ן פאָלשטענדיגען אָפּמעקען און פאַרניכטען זייער נאָמען קען מען רעטען די וועלט פון זייערע נעגעל.

די צווייטע קאַטעגאָריע איז אין דער בחינה פון מומרים לתאבון, בעלי עברות צוליעב פערזענליכע אָדער נאַציאָנאַלע צוועקען. זיי ווילען נישט מלחמה האַלטען מיט גאָט. זיי ווילען בלויז נעהמען פון לעבען אַלעס וואָס זייער האַרץ גלוסט. זייער געוויסען האָט נאָך אַ כח, אין צייט פון קריזיס, זיי צו ראַטעווען פון אייביגער פאַרדאַמונג. ווייל זיי האָבען נאָך נישט איבערגעריסען די לעצטע פעדים פון זייער מענשליכקייט, קען נאָך אַמאָל אַ גרויסער אי־בערברוך אין זייער לעבען מאַכען זיי פאַר בעלי תשובה.

טיטוס און נבוזראדן — די צוויי היסטאָרישע גענעראַלען, וועלכע האָבען פאַרגאָסען ימים אידיש בלוט אין דער צייט פון חורבן פון אונזערעביידע בתי מקדשים — זיינען געטרייע פראָטאָטיפען פון די דאָזיגע ביידע קלאַסען רשעים.

ב

טיטוס

„... ונטל סייף וגדר את הפרוכת, ונעשה נס והיה דם מבצבץ ויוצא, וכסבור הרג את עצמו ...״ (גיטין נ״ו).

„און ער — טיטוס — האָט גענומען אַ שווערד, און האָט אַריינגעשטאָכען אין פּרוכת, און אַ נס האָט געטראָפען און בלוט האָט אַרויסגעשפּריצט, און ער האָט געמיינט אַז ער האָט גע׳הרג׳עט „עצמו״ — ג—ט, כביכול״. („עצמו״ מיינט אויך זיך אַליין).

איידער דער רוצח באַפרידיגט זיין חיה׳דיגען אינסטינקט, איידער ער האָט בלוט פאַרגאָסען, איז ער אין גאַנצען באַטרונקען פון זיינע רציחה׳דיגע געפיהלען און ער געפינט זיך אין אַ קאָשמאַר פון ווילדע רויטע ליידענשאַפט. ער איז דאַן נישט פעהיג צו פיהלען אָדער דענקען וועגען דער באַדייטונג פון זיין האַנדלונג און וועגען די טרויעריגע רעזולטאַטען וואָס זיין אַקט מוז ברייגנען.

דאַגעגען, נאָכדעם ווי דער מערדער האָט שוין דערלאַנגט דעם טויט־קלאַפּ, ווען ער האָט שוין געזעהן בלוט, ווערט פלוצלינג זיין רוגזה קיהלער און רוהיגער, און מיט אַ צעשראָקענעם בליק קוקט ער אויף זיינע פאַרבלוטיגטע הענט און אויף זיין פרישען צאַפּעלדיגען קרבן. און דאַן, ווען זיין מח און האַרץ זיינען שוין מעהר נישט איבערגעפלייצט פונ׳ם קאָכיגען רויטען רציחה־שוים, שווימט אַרויף צו דער אויבערפלעכע דער לעצטער ניצוץ פון מענשליכקייט וואָס איז ערגעץ געלעגען ביי איהם באַגראָבען אונטער אַ באַרג נשמה אש און שטויב, און פאָדערט דין וחשבון. דאָס זיינען די געוויסענסביסע וואָס פייניגען דעם רשע פיל־לייכט מעהר ווי יעדע מעגליכע שטראָף וואָס מענשען קענען געבען. דאָס זיינען די חרטות און יסורים וואָס פּלאָגען און וואַרפען די רשעים אין אייביגען כף הקלע.

טיטוס איז אַריין אין קדשי קדשים און האָט געשענדעט די תורה, און פאַרפיהרט אַ מלחמה מיט׳ן אידישען ג—ט. ער האָט געזוכט צו דער׳הרג׳ענען די גרויסע קראַפט פון קדושה וואָס האָט געגעבען חיות און כח צום קליינעם אידישען פאָלק צו קעמפען געגען דער גרויסער אדום אימפעריע, וועלכע האָט באַזיעגט אַלע געטער און אַלע פעלקער.

ער האָט אַרויסגענומען זיין שווערד, וואָס איז געוועזען זאַט און פייכט פון אַ סאַך מענשליך בלוט, און האָט זיך מיט שפּאָט און גבורה פאַרמאָסטען אויף׳ן פּרוכת וואָס אין זיין שאָטען האָט גערוהט די שכינה. ער, דער שטאָלענער

רוימישער גענעראַל, וועט מיט איין קלאַפּ פאַרניכטען דעם ג—ט פון סיני און זיינע ירושלים'ער פרומאַקעס. טויט וועט זיין ירושלים מיט איהר נזירישען ג—ט; לעבען וועט רוים מיט איהרע פרייע געטער!

מיט טייוועלשער רציחה שטעכט ער די שווערד דורכ'ן טפח־דיקען געוועב פון פרוכת, און — זיין האַנט האָט אַ ציטער געטאָן.

אָן אַנגסט האָט אַרומגעכאַפּט טיטוס'ן און אַ קאַלטער שוויים האָט אַרויסגעזעצט אויף זיין שטערען. וואָס זעהט ער? איז דאָס בלוט פון קרבנות אָדער פון די כהנים וואָס זיינע סאָלדאַטען האָבען אויסגעקוילעט אין בית המקדש? אפשר איז דאָס גאָר בלוט וואָס האָט זיך געפונען אויף זיין אייגענער שווערד? ניין, דאָס האָט ער דער'הרג'עט דעם אידישען ג—ט אליין. ער האָט זיך אַ וואַקעל געטהאָן אויף די פיס, און זיינע שטאַרע אויגען זיינען ווי צוגע־נאָגעלט געוואָרען צו די פאַרבלוטיגטע וואונד אין ג—ט'ס מאַנטעל. עפּעס האָט אַ לעבעדיגע זאַך אַ שטאָך געטאָן זיין שטאָלענע נשמה. אויפ'ן פּרוכת בלענדען און פלעכטען זיך יעצט רויטע געהיימניספולע אותיות, וואָס מאַהנען און דראָהען און שילטען דעם ג—ט לעסטערער. די בלוט טראָפּענס וועבען זיך אוים אין איין רויטען „מנא מנא תקל ופרסין", וואָס שרעקט און וואָרענט אַז באַלד וועט דער רשע קריגען זיין פּסק. דאָס שטעכען אינווייניג ווערט אַלץ אָפּטער און פיינליכער. עפּעס ווי אַ לעבעדיגער שטאָלענער פויגעל וואָלט געלעכערט דעם מאַרך.

וואָס האָט ער דאָס געטהאָן? דאַמיט וואָס ער האָט גע'הרג'עט דעם גאָט פון מאָראַל און מדת הרחמים האָט ער דאָך פאַרניכטעט רוים. האָט דען טיטוס פאַרגעסען די געשיכטע פון דער וועלט? די פעלקער וואָס האָבען געבויט זייער גרויסקייט אויף אייזען און אכזריות זיינען חרוב געוואָרען. מצרים, בבל און פרס האָבען געגלויבט אין דער אייביגקייט פון רויהע מאַט, און די אייביגקייט האָט זיי פאַרשלונגען. וועט רוים אויך האָבען דעם זעלבען סוף?

אָבער צוריק געהן האָט דער רשע שוין ניט געקענט. צו טיעף געזונקען אין די ניין און פערציג טויערען פון טומאה איז ער מיט זיין פאָלק שוין דאַן געוועזען. צוזאַמען מיט די קאָלאָסאַלע גרויסקייט און הפקר פראַכט וואָס זיין אימפּעריע האָט גע'ירש'ענט פון איהרע מעכטיגע פאָרגענגער, האָט זי אויך געקראָגען דעם באַציל פון אומפאַרמיידליכען חורבן, וואָס האָט צושטערט אַלע וואָס האָבען מלחמה געהאַלטען מיט'ן גאָט פון די צען געבאָט. צוריק קען מען שוין נישט גיין. אפילו ווען דאָס זאָל קאָסטען דעם קאָפּ פון רוימישען אדלער. טיטוס איז נישט פרעה, וואָס האָט מורא פאַר מכות און שרייט „ה' הצדיק". ער קען שוין נישט בעטען קיין מחילה פון דעם גאָט וואָס ער האָט מיט זיין שווערד צובלוטיגט, און פון דער תורה, וועלכע ער האָט אַזוי שענדליך פאַר־

שוועכט. דער גיהנם אליין וועט איהם שוין ניט צווינגען תשובה צו טהאָן. ער וועט ווייטער מלחמה האלטען, און אויב ער מיט זיין לאנד זיינען פאר'משפט, וועט מען קעמפען ביז'ן סוף.

און וואָס מעהר דער אייזערנער פויגעל, דער יתוש, האָט געעגבערט און געשפינען גיפט און כוס פון נצחון, אלץ טיעפער איז דער רשע געזונקען. ער האָט געזוכט צו באַטויבען די גרויזאַמע שטימע פון אינווייניג דורך הייסען צושטערען גאנץ ירושלים, דורך די קעפ פון די אידישע גבורים לכבוד זיין טריאומף-צוג, דורך איינאָרדענען מענשען און חיות קאַמפען אין די צירקען און דורך נייע מלחמות. דורך פרישע רציחות האָט ער געוואָלט פארגעסען די אלטע, אָבער עס האָט קנאַפּ געהאָלפען.

די גאַנצע צייט פון נאָכ'ן חורבן ביז טיטוס איז געשטאָרבען האָט ער געפיהלט, אז ער ווערט פארפאָלגט פון א גערעכטע השגחה פאר דעם פייער פון בית המקדש און פאר דעם חירוף וגידוף אין קדשי קדשים. ער האָט גע־וואוסט אז ער איז פארניכטעט. ער האָט געוואוסט אז „הרג את עצמו" — ער האָט זיך צוזאַמען מיט זיין לאנד דער'הרג'עט מיט דעם וואָס ער האָט מיט פייער און שווערד פארטריבען די ג—טהייט פון אידישען לאנד.

רוים איז נישט חרב געוואָרען אין יאָהר פיער הונדערט זעקס און אכציג, לויט דער אלגעמיינער צייט-רעכענונג, נאָר אין יאָהר זיבעציג לויט דער זעלבער צייט-רעכענונג.

מעהר פינקטליך: אין דעם זעלבען תשעה באב ווען טיטוס האָט פאר־ברענט דעם בית המקדש און אריינגעשטאָכען זיין שווערד אין פרוכת, האָט ער דורכגעלעכערט דאָס הארץ פון רוים.

ג

נבוזראדן

„. . . ומה אם על נפש אחת כך, ההוא גברא דקטל כל הני נשמתא על אחת כמה וכמה" (גיטין נ"ז).

(„אויב אידען ווערען אזוי שווער באַשטראָפט פאר אומברענגען איין איינציגען נפש, ווי גרויס וועט שוין זיין מיין עונש פאר אומברענגען אזוי פיעל נפשות").

זכריה הנביא׳ס בלוט האָט געזאָדען און געזשומעט אַ פאַרשטיקטע תפלה צו ג—ט, נישט נאָך נקמה און משפט, — די נביאי האמת האָבען אונ־טער קיינע אומשטענדען נישט געזוכט דעם חורבן פון פאָלק, — נאָר נאָך רחמנות. דער נביא און כהן זכריה האָט אויך נאָך זיין טויט געטאָן די עבודה אין בית המקדש. ער האָט תפילה געטהאָן אז ג—ט זאָל רחמונת האָבען אויף אַ פאָלק וואָס הרג׳עט זיינע נביאים.

נבוזראדן האָט געזעהן ווי דאָס בלוט שוימט, און ער האָט נישט פאַר־שטאַנען די אמת׳ע כונה. דער באַרבאַר פאַרשטייט בלויז די שפראַך פון „נפש תחת נפש״. ער האָט געמיינט פשוט, אז דער נביא פאָדערט אַ גרויזאַמע נקמה, און האָט מיט זיין גרויסען חסד אָנגענומען די מצוה צו ווערען דער גואל פון הייליגען בלוט.

ווען דער הענקער האָט שוין געהאַלטען נאָך זריקת דמים, ווען ער האָט שוין געהאַט אויסגעקוילעט דאָס בעסטע און הייליגסטע אין ירושלים, ווען ער איז שוין געשטאַנען ביז די קניע אין בלוט פון די סנהדרי גדולה און סנהדרי קטנה, בחורים און בתולות און תינוקות של בית רבן, האָט ער מיט אַ מאָל באַגריפען די גרויליכקייט פון זיין טהאַט. אַ גייסטיגע אויפציטערניש האָט אָנגעוואָרפען אַ פחד אויפ׳ן העלדישען „רב הטבחים״. זיין אויג האָט פלוצלונג באַמערקט נייע בלעזלאַך, און זיין אויער האָט פאַרנומען גאַר אַנדערע טענער הויבענדיג זיך פון בערגעל רויטען פליסיקייט. דאָס בלוט האָט זיך נאָך אַלץ געכוואַליעט און געריסען צום הימעל, אָבער יעצט שוין מיט אַ כמעט פאַר־שטיקטען פראָטעסט צום מדת הדין געגען דער חוצפה פון גוי, און געגען זיין חוזק׳דיגען פירוש אויף כסוי דם. ער פאַרדעקט גאָר בלוט מיט בלוט! ער וויל מכפר זיין אויף איין רציחה מיט טויזענדער אַנדערע רציחות. ער וויל די שטימע פון איין אומשולדיגען קרבן דערטרינקען אין די שטימען פון אַנדערע טויזענ־דער אומשולדיגע קרבנות. וועט דער קול נקמות שווייגען? דער מערדער איז דאָך גרייט אַלעמען אומצובריינגען!

דער תליון ווערט רוהיגער. זיין מעסער איז שוין טעמפ פון צופיל שניידען. עס איז שוין נח רוגזיה — די חיה איז שוין שטיל און זאַט פון קרבנות, נבוראזדן איז שוין געבראָכען אין גייסט, און מיט פאַרגליווערטע בליקען קוקט ער מאַכט־לאָז אויף זיינע הרוגים. דער פונק וואָס ברענט און פאַרצעהרט זיין אומריינע נשמה האָט שוין אויפגעפלאַמט אין אַ שוואַרצען גיהנם. ער קוקט זיך נעהנטער צו, און דוכט זיך דאָס בלוט איז אַ ביסעל רוהיגער. ער בייגט איין נידעריגער זיין געבראָכענע פיגור צו הערען בעסער, אָבער קוים וואָס ער הערט עפּעס אַן אומבאַקאַנטען געבראָכענעם קול:

„זכריה, וואָס ווילסטו, נקמה? ווילסטו באמת אַז איך זאָל אַלע אידען אומברייגנען?"

אַ טויטע שטילקייט הערשט צווישען די טייכען בלוט. קיין ענטפער. ער הערט יעצט מעהר קיין זאַך נים. דער נביא וויל שוין נישט נבוזראדן׳ס קרבנות. ניין, ער האָט זיי גאָר לכתחילה נישט געוואָלט. צו וואָס האָט מען דאָ אַזוי פיעל אומשולדיג בלוט פאַרגאָסען? ווער און מיט וואָס וועט מען צודעקען די פרישע טייכען בלוט? דאָס האָט ער, דער זיעגער, דאָס געטהאָן בלויז צו ווייזען זיין גרויסקייט, און צו באַפרידיגען זיינע חיה׳שע אינסטינקטען. נים דער נביא האָט געזוכט די נקמה, נאָר ער, דער זינדיגער און געפאַלנער פעלד־מאַרשאַל. איז אפשר ערגיץ אין די הימלען דאָ אַ כפרה פאַר אַ פאַרשאָלטענע און טמאה׳דיגע נשמה פון אַ פאַרפיהרטען רשע?

און פונקט ווי דער ערשטער רוצח קין איז אויך נבוזראדן אַוועק וואַגלען איבער דער וועלט זוכען אַ כפרה.

ער האָט נאָך געקענט גיין צוריק. נבוזראדן איז געוואָרען אַ בעל תשובה.

איוב און די כלבים

און יעצט לאַכען פון מיר אינגערע פון מיר אין טעג, וואָס איך האָב מיך געמיאוסט צו שטעלען זייערע פאָטערס מיט די הינט פון מיינע שאָף. (איוב ל׳).

איוב האָט געזאָגט צו אליפז׳ן: ביזטו דען ניט עשו׳ס זוהן? ווען דיין פאָטער וואָלט געשטאַנען און געבעטען ביי מיר אַז איך זאָל איהם שפּייזן צוזאַמען מיט מיינע הינט וואָלט איך איהם אויסבראַקירט. אַ פאַרשוין ווענענס טאַטען איך וואָלט ניט געדולדעט צוזאַמען מיט די הינט פון מיינע סטאַדעס שאָף זאָגען איהם זיינע חברים: דו ביזט אַן עלטסטער, אַ פיהרער. (ילקוט שמעוני איוב ל״א)

(ועתה שחקו עלי צעירים ממני לימים, אשר מאסתי אבותם לשית עם כלבי צאני.

היה איוב אומר לאליפז: לא בנו של עשו אתה? אלולי היה אביך עומד ומבקש ממני שאזון אותו עם הכלבים שלי הייתי פוסלו, אשר מאסתי אבותם לשית עם כלבי צאני וחבריו אומרים לו, אתה הוא הישיש וכו׳).

א

איוב האָט אַלעס פאַרלוירען; זיינע חברים שלאָגען איהם ניט פאַר אַ גמילות חסד אויפצובויען זיינע איינגעפאַלנע הייזער און איינצוקויפען נייע סטאַדעס שאָף און רינדער.

איוב איז געפעהרליך קראַנק, אַ חולה מסוכן, פאַכעט מיט דער נשמה און לעבט בלויז אויף צו להכעיס דעם שטן; זיינע חברים לויפען נישט ברייבגען אַ דאָקטאָר און מעדיצין.

איוב וואַלגערט זיך אין אַש צו שטילען זיינע ברענעדיגע ליידען, און בעט אויף זיך דעם טויט פון גרויס פאַרצווייפלונג; זיינע חברים פאַנגען אָן מיט איהם צו פילאָזאָפירען וועגען טיעפע ענינים צו וועלכע מען דאַרף האָבען אַ געזונטען און קלאָרען קאָפּ. זיי ווילען איהם איבערצייגען על פי דרך החקירה — און מסתמא לויט דעם גאַנצען טיעפען און קאָמפּליצירטען פשט פון מלבים — אַז ג—ט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. איוב איז אודאי שולדיג וויל איהם האָט געפעהלט יראת שמים, און ער דאַרף אַלזאָ מקבל באהבה זיין דעם גערעכטען דין פון הימעל.

דאָס לעצטע ביסעל געזונט און ענערגיע וואָס איהם איז נאָך פאַרבליבען מוז נעבעך דער ליידענדער פאַרשווענדען אויסצוהערען און צו ענטפערען אויף די געפליגעלטע מליצות און שווערע רעיונות פון די שווערע בעלי גופים פון די מזרח לענדער. וואָס טהוט מען דאָ?

ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו די כשר'ע רייד פון די פרומע טרייסטער? דענקען זיי באמת איהם צו היילען מיט זייערע ניין מאָס רייד פון הארבען מוסר, וואָס קאָנען אפילו אַ געזונטען קראַנק מאַכען? ווייסען זיי דען נישט די זאַטע חכמים פון מזרח אַז הונגער קען מען ניט שטילען מיט מוסר זאָגען, און מסוכנ'דיגע וואונדען קען מען נישט באַשמירען און פאַרבינדען מיט טרוקענער חקירה, און אַז דעם נאַקעטען גוף פון קראַנקען אָרימאַן קען מען נישט אָנוואָרימען און צודעקען אפילו מיט אַ מופת חותך אַז ג—ט איז גערעכט און זינדיג איז דער מענש?

איבערהויפּט האָט איוב'ס כעס געברענט אויף דעם רויטען אליפז, דעם זוהן פון רויטען עשו. וואָס טהוט ער דאָ? אויך ער געפינט חטאים אויף איובן, אויך ער מאָנט יראת שמים פון דעם אויסגעפּרואווטען „תם וישר וירא אלקים"? דאָס שמעקט דאָך עפּעס מיט די צדקות פון עשו'ן, דער טאַטע פון אַלע היפּאָקריטען און רשעים.

„מיר זיינען עלטער און קליגער" — טענה'ט אליפז — „אפילו פון דיין טאַטען" (איוב ט"ו).

וואָס וויל דאָ דער נפש האָבען פון די טאַטעס? אַ פּנים אַז זיין צדקות האָט ער גע'ירשנ'ט פון זיין הייליגען פאָטערל עשו!

עשו האָט זיך געמאַכט תם'עוואַטע:

„טאַטע, ווי אַזוי גיט מען מעשר פון שטרוי און זאַלץ?"

דער זוהן אליפז גלאָצט מיט די אויגען און וואַרפט זיך מיט מוסר פסוקים אַ שרעק:

„אפשר, איוב, דערפאַר האָט דיך דער רבונו של עולם געשטראָפט ווייל אַ טרונק וואַסער צו אַ פאַרשמאַכטען פלעגסטו ניט געבען און פון דעם הונגעריגען פלעגסטו פאַרמיידען ברויט? (איוב כ״ב).

„וואָס איז אַ מענש, אַז ער זאָל זיין ריין? און קען דען גערעכט זיין אַ געבאָרענער פון אַ פרוי?

„אויך פאַרשטעסטו די ג—ט׳ס פאַרכטיקייט, און מינערסט די פרומקייט פאַר ג—ט״ (ט״ו).

טראַגישע מחשבות פלאָנטערען זיך אין איוב׳ס פאַרנעבעלטען קאָפּ.

עשו האָט גע׳הרג׳ט נמרוד׳ן און האָט פון איהם אוועקגערויבט זיינע טייערע קליידער; און דער זוהן שאָקעלט זיין קאָפּ מיט בלעם׳דיגע פרומקייט:

„מסתמא, איוב, פלעגסטו נעמען א משכון ביי דיינע ברידער אומזיסט, און די בגדים פון נאַקעטע פלעגסטו אויסטאָן (כ״ב).

אַלע חטאים פון עשו׳ן וויל אליפז וואַרפען אויף מיר. לויט אליפז׳עס מבול פון שטראָף רייד און חטאים זוכעריי קען מען באמת מיינען אַז ער מיט זיין טאַטען זיינען די צדיקים און איך בין דער רשע.

רבונו של עולם, שיק מיר שוין בעסער נאָך אַ מאָל דעם שטן, און נעם צו די דאָזיגע חברים, די מליצי יושר דיינע. דער שטן מיט זיין ערליכער גרויזאַמקייט קען גיכער אַמאָל מכון זיין לשם שמים ווי די דאָזיגע לייט מיט זייער פאַלשער גוטסקייט. די דאָזיגע היפּאָקריטען וואָס מוסרן אין דיין הייליגען נאָמען טרייבען מיך פון זינען. איך האָב מורא אַז צוליעב דעם מוסר פון די דאָזיגע צבוע׳קעס און מנוולים „וועל איך איבערקעהרען די שיסעל אויף איהר מויל״ און וועל ווערען אַ פאַלשטענדיגער אפיקורס. איך קען נישט סובל זיין אַז מיין ג—ט זאָל פאַרטיידיגט ווערען פון עשו׳ס זוהן. בעסער זאָל דיין נאָמען, ג—ט פון אברהם, פאַרשוועכט און דערנידריגט ווערען צוזאַמען מיט די געפייניגטע עהרליכע מענשען, איידער געהייליגט און דערהויבען ווערען אין דער חברותא פון די פרומע ג—ט׳ס לעסטערער, אליפז און זיין גלייכען.

איך וויל בעסער דעם רוגז פון מיין ג—ט איידער דעם חסד פון אליפז׳עס ג—ט.

איך וויל בעסער די נקמה און דער חרון אף פון דעם ג—ט פון רחמנות און אמת, איידער די סליחה ומחילה פון דעם ג—ט פון אכזריות און שקר.

איך וויל בעסער קראַנקהייט און טויט פון דעם ג—ט פון לעבען, איידער געזונט און לעבען פון דעם ג—ט פון טויט.

„ביז צום טויט וויל איך האָפען צו אלקים חיים" פון מיין הארצען, און נישט אָננעמען די חנינה פון אליפז׳עס עבודה זרה.

זאָלען דיינע פיינט אויפהערען צו לערנען אַנדערע די דרכים פון צדק און יושר. איך קען מעהר נישט אויסהערען דעם חירוף וגידוף פון מיינע און דיינע שונאים וואָס טראָגען די מאַסקע פון פריינט.

און איוב הויבט אויף אַ קרעציגע האַנט אויף אליפז׳ן:

דו צדיק איינער, ג—ט׳ס סנגור, דו זאָגסט אַז מסתמא בין איך דער זינדיגער ווייל איך בין דער געשטראָפטער. „דערמאָן זיך נאַר", זאָגסטו, „ווער איז אומשולדיג אונטערגעגאַנגען, און וואו זיינען רעכטפערטיגע פאַרטיליגט געוואָרען? (ד׳). זעה, וואויל איז דעם מענשען וואָס ג—ט שטראָפט איהם, און דעם מוסר פון אַלמעכטיגען זאָלסטו נים פאַראַכטען" (ה׳).

דו וואָלסט וועלען אַז איך זאָל נישט מתרעם זיין אויף מיין ביטערען גורל. דו ווילסט אַז איך זאָל שווייגען, איך זאָל אַראָבשלינגען מיין קרעכץ.

שעהן גערדרשנ׳ט, אליפז, אָבער איך מוז דיר זאָגען אַז איך ווער נים נתפעל פון אַזאַ מין צדקות.

„איך האָב געהערט פיל אַזוינס, צרה׳דיגע טרייסטער זייט איר אַלע (ט"ז).

„איהר זייט שמירער פון ליגען, נישטיקע רופאים זייט איהר אַלע.
„הלואי וואָלט איהר געשוויגען, וואָלט דאָס פון אייך אַ חכמה געוועזען" (י"ג).

אַ מענש וואָס זיין טאַטע איז געוועזען אַזאַ רשע און אויסוואורף אַז איך וואָלט איהם נישט געוואָלט אויסהאַלטען צוזאַמען מיט די הינט פון מיינע שאָף, וויל ווערען מיין רבי, מיין וועג ווייזער. ווי איז מיר ווער עס זיינען מיינע מדריכים און מוסר זאָגער.

„ג—ט ענטפערט מיך איבער צום פאַרברעכער, און אין די הענט פון די רשעים וואַרפט ער מיך (ט"ז).

„ערד זאָלסט נישט צודעקען מיין בלוט, און זאָל ביי דיר נים דערשטיקט ווערען מיין געשריי" (ט"ז).

זאָל מיין געשריי שפאַלטען די הימלען און צווינגען דעם מדת הדין צו ענטפערען אויף מיינע גערעכטע טענות. נישט קיין רחמנות בעט איך. איך וויל אַ ריכטיגען פסק דין. איך זוך בלויז דעם אמת. איך וויל נישט צוטראָטען ווערען ווי אַ וואָרעם אָהן אַ חשבון.

איך זעה די עשו'ס און אליפז'עס עפענען פאַר זיך מיט זייער גבורה די אוצרות פון עשירות און לעבען, אין דער צייט ווען די אמת'ע צדיקים מוזען קעמפפען מיטן שטן פאַר יעדען אָטעם צוג, און מען וויל נאָך אז זיי זאָלען דאַנקען דעם אייבערשטען פאַר זיינע גרויסע חסדים, וואָס ער ערלויבט זיי צו לעבען אין דחקות און אין יסורים. איך רוף ג—ט צו אַ דין תורה. איך וויל ניט זיין אַ „נספה בלא משפט". פאַר וואָס איז מיין וועג פינסטער, און דער וועג פון די רשעים ליכטיג? ווי לאַנג איז ג—ט'ס אריכות אפים? איך קען מעהר ניט וואַרטען! פאַר וואָס שיקט ער ניט זיין דונער צו הרג'ענען דעם רשע וואָס פאַרשלינגט דעם צדיק און פאַרנעמט זיין פלאַץ?

דאָס איז געווען איוב'ס תשובה צו זיינע חברים, די טרייסטער, די מוכיחים און די עצה געבער. נאָך דעם דאָזיגען אויסברוך פון גאָליגער פאַר־דאַמונג, האָבען די חכמים פון מזרח נישט געפונען קיין ווערטער, און זיי זיינען שטיל געבליבען. איוב'ס טענות אין קאַפּיטעל ל"א פאַרענדיגט דעם גאַנצען וויכוח צווישען איוב'ן און זיינע חברים. דאָס קאַפּיטעל ל"ב פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער „וישבתו שלשת האנשים האלה מענות את איוב" — און די דאָזיגע דריי מענער האָבען אויפגעהערט ענטפערען איוב'ן.

דער לעצטער אַרגומענט האָט געווירקט. מענשען פון עשו'ס חדר, זיהן פון אַ טאַטען וואָס שטעהט נידריגער פון די כלבים, דאַרפען זיך ניט אָנגאַרטלען מיט נביאי'שע העזה צו לערנען דעם געפלאָגטען און פרומען איוב חכמה און יראת שמים.

ב

די טראַגעדיע פון איוב'ן מיט זיינע חברים חזר'ט זיך יעצט איבער מיט דעם אַלטען געפלאָגטען וועלט וואַנדערער, דאָס פאָלק ישראל.

עשו'ס אייניקלאך רודפ'ן אונז עד חרמה; זיי רייסען אַרוים דעם לעצטען ביסען ברויט פון אונזערע מיילער; זיי פּאַגראָמירען אונזערע גופים און אונזערע נשמות, און זיי ווילען אונז גענצליך פאַרטרייבען פון דער מענשליכער געזעל־שאַפט. כדי צו באַרעכטיגען זייער באַרבאַריזם, זיינען זיי מצדיק את הדין אויף אונז. מיר זיינען אַ נידריגע ראַסע און האָפנונגסלאָז פאַרדאָרבען, קנעלען זיי מיט זייערע דומע נאָכפאָלגער. אַלע דאַרפען זאָגען אויף אונזער אומגליק „ברוך דין האמת" מיט גרוים כונה, ווייל עס איז דאָס גרעסטע גליק פאַר די מענש־הייט פּטור צו ווערען פון דעם פאַרדאָרבענעם און צופוילטען יודענטהום.

זיי, די מגושמדיגע פראַים, וואָס מלחמה און אכזריות ליגט אין זייער בלוט, זאָגען אַז מיר, דאָס פאָלק פון תורה, די ישיבה בחורים פון די וועלט, זיינען די זינדיגע און דאָס פסולת פון די מענשהייט.

זיי, די באַרבאַרען, די געצענדינער, די ציוויליזירטע שקלאַפען טרייבער, די פריצ'ישע הולטאַיעס און שיכורים, די חזרים פאַסטוכער און ציגיינער ממזרים, די אויסוואורפען מיט רציחה אין זייערע טרפה'נע נשמות, זוכען אויף אונז, דאָס אומשעדליכסטע און אומשולדיגסטע פאָלק אין דער וועלט, כל'ערליי בלבולים כדי צו קענען באַפרידיגען זייערע חיה'שע אינסטינקטען און באָדען זייערע טמאה'דיגע לייבער אין אונזער בלוט.

און וואָס זאָל זיין אונזער תשובה? וואָס זאָלען ענטפערען די אייניקלאך פון די נביאים, די אויסדערוויילטע פון ג—ט, די ענוי ארץ, די קינדער פון קדושים וטהורים? ווי אַזוי זאָלען מיר באַווייזען אונזער עהרליכקייט צו די חיות רעות וועלכע פאַרנעמען נישט קיין פאַרנונפטיגע רייד און פאַרשטייען בלויז אַ פסוק מיט אַ שטעקען? זאָלען מיר הייסען אונזערע שונאים עפענען דעם תנ"ך און לייענען די ווערטער פון אונזערע נביאים? ווייסען מיר אַז די פילאָזאָפיע פון יושר און רחמים אַפעלירט נישט צו דער פאַרפאַנצערטער האַרץ פון דעם איש השדה.

זאָלען מיר זיי הייסען לערנען אונזער גמרא און געפינען דאָרטען דעם לעבענס שטייגער, די מדות און פילאָזאָפיע פון אידישען לעבען? ווייסען מיר אַז זיי עפענען אונזערע גמרות און קוקען דאָרטען ווי אַ האָן אין בני אדם. נישט קענענדיג תופס זיין דעם ריכטיגען פשט אין אונזערע הייליגע ספרים, מאַכען זיי אויף אונזער גמרא די זעלבע בלבולים וואָס זיי מאַכען אויף אונז. צוליעב שווער קעפיקייט און איבערהויפט צוליב רשעות קענען זיי נישט און ווילען נישט משיג זיין די גרויסע ערנסטקייט און הויכע עטיק וועלכע איז דער לייטענדער מאָטיוו פון דעם הייליגסטען און וואונדערבאַרסטען געזעץ בוך אין די וועלט — דער תלמוד.

דער נביא משה וועלכער האָט געשריבען דעם ספר איוב (בבא בתרא י"ד), האָט געגעבען אַ תשובה נצחת צו אַלע פאַרלוימדער און באַליידיגער פון אידען. דער גרעסטער אידישער נביא האָט גוט געוואוסט דעם חלוק צווישען אונזערע און זייערע טאָטעס. ער האָט פון אייגענער ערפאַהרונג און מיט דער אספקלריא המאירה פון זיין גרויסען נבואה גייסט באַגריפען דעם תהום וואָס ליגט צווישען די מאָראַל און לעבענס חכמה פון די פאַרשטעהער פון אלקים חיים און די פאַרשטעהער פון די טויטע געטער. ער האָט געקענט די פילאָזאָפיע און די געזונקענע עבודה זרה מאָראַל פון די עשו'ס, פרעה'ס און בלעם'ס, און ער האָט אויך געקענט די פילאָזאָפיע און הויכע געטליכע מדות פון אברהם, יצחק ויעקב.

און דורך איוב׳ס מויל האָט משה רבנו געזאָגט אַ געוואַלדיגען פסוק צו אַלע רשעים, בלעקמעילער און ברודער מערדער פון אַלע דורות, אַז זיי זאָלען נישט וואַגען זיך צו פאַרהערען אין מדות טובות און אין יחום מיטן אידישען פאָלק. מענשען וואָס זייערע טאַטעס וואָלטען נישט געהאַט דעם זכות צו זיין שטאַל־קנעכט און פאַסטוכער ביי אונזערע מלכים און נביאים, דאַרפען נישט זוכען אויף אונז קיין חטאים, און דאַרפען אונז נישט מוסר׳ן און פייניגען דערפאַר ווייל אונז פעלט יושר און מענשליכקייט.

אליפז, ביזטו דען ניט עשו׳ס זוהן?

סטריעמליינד רשעים

ווען מורינוס האָט געכאַפּט די ברידער פּפּוס און לוליינוס, (אין די צייטען פון די גרויסע רוימישע רדיפות אויף די ארץ ישראל אידען אין ערשטען האלבען יאָהר הונדערט נאָכן צווייטען חורבן), האָט ער צו זיי געזאָגט:

„באַלאַנגט איהר דען ניט צו דעם פאָלק פון חנניה מישאל ועזריה? זאָל קומען אייער ג—ט און אייך מציל זיין פון מיינע הענט, אַזוי ווי ער האָט מציל געווען יענע דריי אידען פון נבוכדנצר'ס קאַלך אויוען".

האָבען זיי געענטפערט:

„חנניה מישאל ועזריה זיינען געווען צדיקים, און נבוכדנצר איז געווען אַן אַנשטענדיגער קעניג, אָבער דו ביזט אַ מלך רשע און דו ביזט ניט ראוי אַז עס זאָל געטהאָן ווערען אַ נס דורך דיר... (ספרא, אמור).

(כשתפס מורינוס אם פפוס ואת לוליינוס אחיו, אמר להם: „אין אתם מעמן של חמ"ו? יבוא אלקיכם ויציל אתכם מידי". וא"ל: „חמ"ו כשרים היו ונבוכדנצר היה הגון שיעשה נס על ידו, אבל אתה מלך רשע אתה, ואין אתה הגון שיעשה נס על ידך וכ"ו).

ב

נבוכדנצר האָט חרוב געמאַכט דעם ערשטען בית המקדש און פאַרטריבען די אידען אין בבל, און דאָך ווערט דער דאָזיגער אַלטער באַרבאַר אָנגערופען מיט דעם בכבוד'יגען נאָמען „מלך הגון" — אַנשטענדיגער קעניג. פאַרוואָס?

ניט אַלע רשעים זיינען גלייך פונקט ווי ניט אַלע צדיקים זיינען גלייך. אַזוי לאַנג ווי אין דער מענשליכער נשמה איז נאָך געבליבען אַ פונק מענש-

ליכקייט, ווערט נאָך דער מענש באַטראַכט ווי אַמיטגליעד פון זיין מין, און ג—ט האַלט נאָך אָן פאַרבינדונגען מיט איהם. פאַלט ער אָבער אַזוי נידריג אַז דער לעצטער פונק ווערט אויסגעלאָשען, ווערט ער אַן אבר המדולדל, אַ טויטער גליד וועלכער פאַרלירט דעם צוזאַמענהאַנג מיט די אַנדערע גלידער, און ציהט מעהר ניט זיין יניקה פון זיי. ער איז אַ גייסטיג געשטאָרבענער; ער איז נידעריגער פון אַ חיה. אַ חיה לעבט מיט איהר נאַטור; דער גרויסער רשע האָט פאַרראַטען זיין מין, און לעבט געגען די טבע פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. די השגחה וויל מעהר קיין נסים נישט טהאָן דורך איהם, ווייל זי קען איהם מעהר ניט מזכה זיין מיט גרויסע מעשים פאַר וועלכע ער האָט פאַרלוירען יעדען זין און יעדען חוש. ג—ט און מענש שטעהען מעהר ניט אין פאַרבינדונג מיט איהם, און ער מוז סוף כל סוף אונטערגעהן.

די אידישע קדושים פפוס און לוליינוס וועלכע זיינען געכאַפּט געוואָרען אין די טויט פאַסטקע פון די רוימישע טיראַנען, האָבען אַריינגעשאָסען אַ גיפטיגע פייל אין האַרצען פון דער רוימישער ציוויליזאַציע. זיי האָבען געזאָגט אַז די רוימישע הערשער זיינען געזונקען פיעל נידעריגער ווי זייערע באַבילאָנישע פאָרגענגער. נבוכדנצר איז טאַקע קיין גרויסער צדיק נישט געוועזען; ער האָט אויך חרוב געמאַכט אונזער לאַנד און אונזער בית המקדש. פונדעסטוועגען איז ער ניט געפאַלען צו די תהומות פון זינד און פאַרדאָרבענהייט צו וועלכע עס האָבען דערגרייכט פיעלע פון די רוימישע צעזאַרען.

ווען נבוכדנצר האָט איינגענומען ירושלים, האָט ער באַפוילען זיין גענעראַל נבוזראדן פרייצולאָזען דעם נביא ירמיה. דאַן האָט נבוזראדן געהייסען אַרונטערצונעמען די קייטען פון דעם נביא (ירמיה מ׳). איהר ציוויליזירטע רוימער מיט אייער גאַנצער קולטור זייט אַזוי הויך ניט געשטיגען. איהר האָט אָנגעטהאָן קייטען אויף די העלזער פון אונזערע תנאים און צדיקים. איהר זייט רשעים גמורים. איהר דיענט צום שווערד, און דער גרויסער רוצח הייסט ביי אייך אַ גרויסער העלד. אייער געוויסען האָט איהר דערטרונקען אין טייכען בלוט. קיין טומאה און אומווירדיגקייט אין דער וועלט שרעקען אייך מעהר ניט. איהר האָט אויפגעהויבען אייער אומריינע און אכזריות׳דיגע האַנט אויף די גרעסטע און הייליגסטע מענשען ביי אונז. איהר האָט פאַרברענט אונזערע תנאים צוזאַמען מיט ג—ט׳ס תורה, און דאַמיט האָט איהר פאַרטריבען כביכול פון זיינע לעצטע ד׳ אמות פון קדושה און עהרליכקייט אין דער דאָזיגער פאַר-

שוועכטער און פאַלשער וועלט .יעדע רציחה פון אַ צדיק מאַכט אַ בלוטיגע וואונד אין ג—ט׳ס מאַנטעל (ילקוט שמעוני, תהילים ק״י). יעדער אויפשטייג פון רשע דערנידריגט די גרויסקייט פון וועלט באַשעפער, און פאַרשטויסט די שכינה פון כסא הכבוד (ילקוט שמעוני, תהילים מ״ז). ג—ט ליידט צוזאַמען און גייט אין גלות אַריין צוזאַמען מיט זיינע פאַרטריבענע דינער. איהר האָט די וועלט געמאַכט נידריגער און אָרימער. דורך אייער פאַרפייניגען און פאַרטרייבען די אויסדערוויילטע פון דער השגחה, האָט איהר בּארויבּט די מענשהייט פון דער איינציגער האָפנונג אויף גאולה, דען אַנשטאָט די הער־שאַפט פון דעם בורא עולם מיט זיינע פאַרשטעהער האָט איהר באַפעסטיגט די ממשלת זדון פון שטן מיט זיין כנופיא, די רוימישע צעזאָרען. צו אַזאַ טיעפען אָפּגרונד פון אַבשטויסענדער שפלות זיינען זאָגאַר די באַבּליאָנער נישט גע־פאַלען. זיי האָבען נאָך געהאַט אַ פונק מענשליכקייט. נבוכדנצר האָט נישט אויפגעהויבען זיין באַרבאַרישע האַנט אויף׳ן נביא.

ווען נבוכדנצר האָט געזעהן אַז חנניה, מישאל ועזריה זיינען אַרויס לעבעדיג פון קאַלך אויוועז, האָט ער מיט ערליכער התפעלות אויסגערופען:

„געלויבט איז דער ג—ט פון חנניה מישאל ועזריה, וואָס האָט געשיקט זיין מלאך און האָט מציל געוועזען זיינע קנעכט... פון מיר ווערט געגעבען אַ באַפעהל אַז יעטוועדער פאָלק, אומה און לשון וואָס וועט ריידען מיט אומכבוד אויף זייער ג—ט זאָל אין שטיקער צוריסען ווערען, און זיין הויז זאָל געמאַכט ווערען פאַר אַ מיסטהויפען; וואָרום עס איז ניטאָ קיין אַנדער ג—ט וואָס קען אַזוי מציל זיין" (דניאל ג׳).

די רוימישע טיראַנען האָבען ניט אַזאַ טיעפע השגה. זייערע מוחות זיינען פאַרשטאָפּט און זייערע אויגען זיינען בלינד. איהר האָט ניט דערזעהן דעם נס וואָס שפּיעלט זיך אָפּ פאַר אייערע אויגען. פאַר וואָס הערט איהר זיך צו צו די זינלאָזע און שווינדעליכע בבא מעשות און בלבולים געגען אידען פון מאַניטאָ, אפּיאָן, טאַציטוס און אַנדערע פאַלשע נביאים פון אידען האָס און פאַרלוימדונג? פאַרוואָס שטודירט איהר ניט מיט אויפריכטיגקייט דאָס לעבען פון אידישען פאָלק? פאַר וואָס קוקען די רוימישע מאַכט האָבער נישט אַריין טיעפער אין דער אידישער געשיכטע? מיר זיינען אַ קליין פאָלק און מיר מוזען קעמפען מיט דער גאַנצער וועלט. שוין צוויי טויזנט יאָר ווי אונזער ג—ט

פיהרט אונז און באַשיצט אונז. אונזער גאַנצער עקזיסטענץ איז געבויט אויף נסים. זעה, מיר לעבען אונטערן אייזערנעם קנאַפעל פון אַזעלכע רשעים ווי דו ביזט, און דאָך ווערען מיר ניט אין גאַנצען פאַרניכטעט. איז דאָס ניט קיין סימן אַז ג—ט איז מיט אונז?

אין גאַנץ רוים איז היינט ניטאָ אַ שטאַרקער מענש מיט מאַכט אין האַנט, וואָס זאָל האָבען דעם מוט אָפען צו זאָגען: „שטעלט אָפּ די שחיטה אויף אידען! לאָזט זיי דינען פריי זייער ג—ט וואָס קאָן אַזוי מציל זיין פון אַלע קאַלך אויוועגס פון דעם וועלט גיהנם!"

מיר ערוואַרטען ניט צו געפינען אין רוים תורה, צדקות און קדושה. דאָס איז דאָ בלויז אין ירושלים. מיר האָבען אָבער געמיינט אַז עס געפינט זיך ביי אייך, על כל פנים, עפּעס אַן אָנשטענדיגער רשע, אַ מענש אין וועמענס שטאָלענער האַרץ עס טליעט נאָך אַ גוסס'ער ניצוץ פון מענשליכקייט, אַ מענש וואָס זאָל ניט זיין בלינד צו זעהן אָפענע נסים, און זאָל נאָך קענען ווערען אַ בעל תשובה.

וועה צו אַ פאָלק וואָס די רויהע שטימע פון זיינע פיהרער פאַרלאַכט און דערשטיקט יעדען געפיהל פון געטליכקייט אין די הערצער פון די מענשען!

וועה צו אַ פאָלק וועמענס פיהרער זיינען סאַדיסטען און חיות בצורת אדם!

וועה צו אַ פאָלק וועמענס פיהרער זיינען צוררים און אָפּשפּאָטער פון ג—ט און פון זיין תורה!

וועה איז צו אַ פאָלק וועמענס פיהרער זיינען גרעסערע רשעים פון דעם פאַרצייטיגען געצען דינער נבוכדנצר!

ב

דעם זעלבען היילגען ביטול און חוזק וואָס די אַלטע אידישע קדושים האָבען געוואָרפען אין טרפה'נעם פּרצוף פון מורינוס דעם רוימער, קענען מיר וואַרפען אין צינישען און פון שנאה אויסגעקרומטען פּרצוף פון דעם מאָדערנעם ציוויליזירטען אנטיסעמיט.

אין די היינטיגע לענדער פון אידישע טרערען און בלוט און פון אַלגעמיינער מענשליכער פאַרשקלאַפונג, האָט מען ניט קיין דרך ארץ פאַר די בעסטע און גרעסטע. מען פייניגט און מען וואַרצעלט אויס צדיקים, קדושים און בכלל

גרויסע וועלטליכע מענשען. מען האט ניט ארונטערגענומען די קייטען פון דעם נביא פון דער וויסענשאפט — איינשטיין, אדער פון אימיצען פון די פיעלע צעהנדליגע אידישע און וועלטליכע גדולים וואס האבען זיך אפגעזאגט צו קניען צו דער טאטאליטארישער עבודה זרה. מען האט ערמארדעט אידישע רביים און צדיקים און די האנט פון רוצח האט קיין ציטער ניט געטהאן. דער מאדערנער און קולטורעלער „קול מחרף ומגדף" איז צארנ'דיגער און הפקר־דיגער פון אלטען און פרימיטיווען געשריי פון ג—ט'ס צוררים. א פנים אז דער היינטיגער מערדער וואס בושעוועט על ד' ועל משיחו אין מיטן פון א דור דעה פון א סטריעמליינד ציוויליזאציע, איז אויך נידריגער פון דעם אלטען עבודה זרה'ניג נבוכדנצר. וואו איז היינט דא דער אנשטענדיגער רשע אין די לענדער פון רשעות, וואס זאל מיט רעגירונגס מאכט אין זיינע הענט אפשטעלען דעם חלק פון די ציוויליזירטע וועלט גזלנים? ווארום זעהן ניט די היינטיגע רשעים דעם גרעסטען נס אין דער וועלט געשיכטע — דאס לעבען פון אידישען פאלק?

דער איד איז דורכגעגאנגען אלע קאלך אויוועגס פון דער וועלט אין זיין גלארררייכער מארטירער געשיכטע; ער האט איבערגעלעבט אלע המנ'ס און איז ניצול געווארען פון אלע שרפות.

ווארום געפינט זיך ניט היינט אן אנשטענדיגער רשע וואס זאל איבער־וועלטיגט ווערען פון א הרהור תשובה. און זאל אויפהויבען זיינע הענט צום הימעל און זאגען: „געלויבט איז דער ג—ט פון די אידען וואס קען אזוי מציל זיין!"?

ווארום זיינען אונזערע היינטיגע שונאים אזוי בלינד ניט צו זעהן אז עס איז דא א געהיימע מעכטיגע האנט וואס פיהרט אונז און דערלאזט ניט דעם פאלשטענדיגען אונטערגאנג פון אידען?

ווארום האבען זיי ניט קיין רעספעקט פאר דאס שעהנסטע און הייליגסטע וואס עס איז נאך געבליבען אויף די וועלט מיט דעם חסד פון אייבערשטען? ווילען זיי אונז צוריקשטויסען אין אבגרונד פון דער פארהיסטארישער פינס־טערניש פון דעם הייל מענש? ווילען זיי אין גאנצען פארטרייבען כביכול פון צווישען מענשען?

געוועזען אמאהל אנשטענדיגע רשעים.

נבוכדנצר איז געוועזען א מלך הגון.